STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01219

BAYM KVAL

*Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph A. Berman
in memory of
Tybel Berman & Pearl Berman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בײַם קוואַל

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

יידישע פאָלקסלידער

געזאַמלט, דערקלערט, קלאַסיפיצירט, קאָנטראָלירט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פאָרוואָרט פון זאַמלער

פון ש. באַסטאָמסקי.

פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול“

ווילנע 1923

דרוקערײַ ש. פ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25

אינהאלט.

זייט

I) הקדמה פון זאמלער. — — — — — — — — — — — — — — 3
II) כּללים ווי אזוי צו פארשרייבן ווערק פון פאָלקסשאפונג— ש. אנסקי.
III) יידישע פאָלקסלידער — — — — — — — — — — — —
1) וויג-לידער — — — — — — — — — — — — — — 5
2) קינדער-לידער — — — — — — — — — — — — — —
א) שפּילן — — — — — — — — — — — — — — — 26
ב) ציילעניש — — — — — — — — — — — — — — 31
ג) צונעמעניש, שפּאַט, און שפּאַסלידער — — — — — — — — 34
ד) פארשיידענע קינדער-לידלעך — — — — — — — — — — 41
3) לידער פון חדר און פון דער ישיבה — — — — — — — — — 46
4) ליבע-לידער — — — — — — — — — — — — — — 47
5) באלאדנארטיקע לידער (אומטרייע און אומגליקלעכע ליבע א א.) — 52
6) חתן-כּלה און חתונה-לידער — — — — — — — — 66
7) פאמיליען-לידער — — — — — — — — — — — — — 70
8) פריזיוו און סאָלדאַטן לידער — — — — — — — — 82
9) היסטאָרישע לידער — — — — — — — — — 86
10) ארבעטער-לידער — — — — — — — — — — — — 88
11) יום-טוב-לידער — — — — — — — — — — — 91
12) רעליגיעז- נאציאָנאַלע און חסידישע לידער — — — — — — — 93
13) פּאראָדיעס און פאָלקסהומאָרעסקעס — — — — — — — — — 98
14) סאטירישע לידער — — — — — — — — — — — — — 102
15) יידישע לידער אין אנדערע שפּראַכן. — — — — — — — 104
16) מלחמה-לידער — — — — — — — — — — — 106
17) פארשיידענע — — — — — — — — — 113
18) קינדער-לידער, צוגעקומען אין משך פון זעצן. — — — — 123
19) לידער, וואָס זיינען צוגעקומען אין משך פון דרוקן. — — — — 125
20) באמערקונגען צו די לידער. — — — — — — — — 135
IV) אויפרוף — צו אלע פריינט פון דער יידישער שפּראך
און פון דער יידישער פאָלקסשאפונג — — — 136

בּיים קוואַל

מאטעריא״ן צום יידישן פֿאָלקלאָר

יידישע פֿאָלקסלידער

געזאַמלט, דערקלערט, קלאַסיפֿיצירט, קאָנטראָלירט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון זאַמלער.

פֿון ש. באַסטאָמסקי.

פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול"

ווילנע 1923

דרוקעריי ש. פּ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25.

S. Bastomski

„Beim Qual“

Zbiör Żydowskich piesien ludowych.

Wilno, Druk. F. Garbera, Zawalna 25.

1923

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

איינער פון די וויכטיקסטע צווייגן פונם פאָלקלאָר בכלל און פונם יידישן פאָלקלאָר בפרט איז אָן שום ספק דאָס פאָלקס-ליד.

אין די פאָלקסלידער שפּיגלען זיך אָפּ, הגם אין אַ פּרימיטי-ווער, אָבער אין זייער אַ האַרציקער און אייגנאַרטיקער פאָרם, די אָנשויאונגען, פאָרשטעלונגען און זכרונות פון דעם אָדער יענעם פאָלק, זיין באַציאונג צו די אַרומיקע דערשיינונגען, זיין פרייד און טרויער, צער און צאָרן, ליבע און האָפענונג, זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן.

דאָס פאָלקסליד פירט אונז אַריין אין דער אינטימער וועלט פון דעם פאָלקסלעבן, אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער פאָלקס-נשמה. סיי דער היסטאָריקער און סיי דער עטנאָגראַף גע-פינען אין די פאָלקסלידער אַ מאַטעריאַל גיט אָפּצושאַצן פאַר זייערע פאָרשונגען און אָפּהאַנדלונגען.

דער מחבר פון די פאָלקסלידער איז דאָס פאָלק אַליין, די אומבאַקאַנטע פאָלקסדיכטער אָדער פאָלקסזינגער, וואָס האָבן ניט בדעה דורך זייערע שאַפונגען צו מאַכן זיך אַ נאָמען. דער פאָלקס-דיכטער שטייט ניט העכער פון דער אַלגעמיינער מאַסע, זיין קוק אויף דער וועלט און אויף די דערשיינונגען פון לעבן איז דער זעלבער ווי פון דעם ברייטן המון. דאָס איז דער פאָעט פון דער מאַסע. זיינע געדאַנקען שעפט ער דירעקט פון דעם אַרומיקן לעבן, פון דעם פאָלקסמויל און פון זיין אייגענער נשמה.

אין דעם „קליין מענטשעלע" מאָלט אונז מענדעלע מוכר-ספרים אַ בילד, ווי אַזוי אַ יידיש פאָלקסליד פלעגט אַמאָל געשאַפן ווערן.

... „עס שטייט זיך אַ שטייגער איציק דאָס שניידערל מיט אַ פּרעסל אין דער האַנט איבער אַ שטיקל אַרבעט, הייבט אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן פּרעסל, און חברה פּועלים, בחורים, אַרום טיש, אַרבעטנדיק געשווינט מיט דער נאָדל, העלפן אונטער, דער אויפן געלענקל, יענער אויפן בייקעלכל, איטלעכער מיט וואָס ער קען...

„דאָרט ביי די פּועלים, ווערן אָפט געזונגען לידלעך, אייגענע אַרבעט טאַקע, וואָס גייען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט, צווישן עולם, פּאַלן אַריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און באַקומען דעם נאָמען „פאָלקסלידלעך".

וואָס איז דער אינהאַלט פון די יידישע פאָלקסלידער?

די דאָזיקע טעמע איז זייער אַ ברייטע און אַ פאַרצווייגטע.

די ראַמען פון דעם אַריינפירוואָרט ערלויבן אונז ניט צו באַהאַנדלען די פראַגע אין דער גאַנצער ברייט.

מיר ווילן דעריבער נאָר אונטערשיידן אייניקע מאָמענטן, ברענגען עטלעכע איליוסטראַציעס.

אויף דער געשטעלטער פראַגע גיט אונז, אויף זיין שטייגער, זײ ענטפער ווידער מענדעלע מוכר־ספרים:

„דער תוך פון די לידלעך איז געווען זייער פאַרשיידן.

„ס'איז געווען אַזוינע איבער ליבעס: אַ דינסטמיידל, אַ שטייגער, פאַרבענקט זיך אין דער פרעמד נאָך איר געליבטן, דערמאָנט זיך וויינענדיק אין די גוטע, זיסע מינוטן, ווי זיי פלעגן פאַרברענגען צוזאַמען, ווי אַ פּאָר טויבן, אויפן שפּאַציר, אַמאָל אין די געדיכטע וועלדער, און אַמאָל צווישן ווייץ און קאָרן; אָדער סתם אַ מיידל גיסט אויס איר האַרץ, ציט זיך מיט דער נשמה צו עפּעס אַ חתן ווי אַ קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער שיינענדיקער לבנה. און לידלעך פון אַ שנור איבער אַ בייזער שוויגער, פון אַ יתומה איבער שטיפמוטער, לידלעך פון יידישע רעקרוטן, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליבע פאַרן אַוועקגיין אויף דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

„צווישן די לידלעך איז דאָ פילע איבער נגידים, קהלס־לייט און כלי־קודש, אין וועלכע די בעלי־מלאכות רעכענען זיך אָפּ מיט די אַלע פיינע־בריות, פאַר די צרות און לייד, וואָס זיי שטייען פון די לייט אויס".

דאָס יידישע פאָלקסליד איז זייער אַלט. פאַראַן לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין XV יאָרהונדערט, ווען קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן האָבן נאָך געוואוינט אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון מערב אייראָפּע*). צום באַדויערן איז פון די אַלטע לידער פאַרבליבן זייער אַ קליינע צאָל. דער גרעסטער טייל פון די פאַרעפנטלעכטע לידער איז געשאַפן געוואָרן אין די שפּעטערדיקע צייטן אין די לענדער, וואו ס'האָט זיך דורות לאַנג קאָנצענטרירט דער רוב מנין ורוב בנין פון פאָלק.

אין די יידישע פאָלקסלידער געפינען מיר אַ גרויסן עטנאָגראַפיש־לעבנסשטייגערלעכן מאַטעריאַל. זיי גיבן אונז אַן עכטן שפּיגל פון דעם אַמאָליקן פּאַטריאַרכאַלישן יידישן לעבן, ווען דער לייט־מאָטיוו פון דער מאַמעס וויגליד איז געוועזן:

... „וואָס איז די בעסטע סחורה?
דאָס קינד וועט לערנען תורה,
תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבן,
אַ גוטער ייד וועט ער פאַרבלייבן"...

ס'איז גענוג איבערצולייענען די זאַמלונגען פון די יידישע פאָלקסלידער כדי דאָס בילד זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר אונזערע אויגן מיט אַלע פינסטערע און ליכטיקע זייטן.

חוץ דעם לעבנסשטייגער פאַרנעמען זייער אַ וויכטיקן אָרט אין דעם אוצר פון דעם יידישן פאָלקסליד די אַזוי גערופענע „היסטאָרישע לידער". אין די דאָזיקע לידער האָט דאָס פאָלק רע־

*) זע דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון ד"ר י. שיפּער—„פון דער געשיכטע פון טעאַטער־קונסט ביי יידן" אין אַלמאַנאַך צום 10־יאָריקן יובליי פון „מאמענט", וואַרשע, 1921.

אַגירט אויף די אַלע געשעענישן, אָנשיקעענישן, גזרות, פּאָגראָמען, פּורעניות פון פאַרשיידענע זייטן. די צאָל פון די היסטאָרישע לידער דאַרף זיין זייער רייך. גאַנץ טרעפלעך דריקט זיך אויס וועגן דעם נח פרילוצקי: „אַ ליד ווערט געשאַפן, ווען די נשמה צאַפּלט און ביי ווען צאַפּלט די נשמה אַזוי אָפט ווי ביים יידן?״ צום באַדויערן זיינען נאָך ווייט ניט אַלע לידער צונויפגעזאַמלט געוואָרן.

פון די אַלע גזרות פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף די יידישע פאָלקסמאַסן אין רוסלאַנד געמאַכט די גזרה פון ניקאָלאַי דעם I-טן וועגן כאַפּן און אָפּגעבן יידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן.

די דאָזיקע גזרה איז פאַר יענער צייט געוועזן אַזוי שרעקלעך, אַז אפילו די שפּעטערדיקע זכרונות וועגן איר זיינען פול מיט גרויל. און אין דער אמתן: מ׳דאַרף זיך נאָר אַריבערטראָגן אין יענער צייט און זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס דאַמאָלסטיקע יידישע לעבן.

די יידישע עדה איז געוועזן אָפּגעשלאָסן און אָפּגעצאַמט פון דער אַרומיקער וועלט. דאָס פאַרלאָזן די היים אַליין איז שוין אויך געוועזן אַ גרויסער ריס. הייַנט די דאַמאָלסטיקע „סלוזשבע״ בכלל, די „סלוזשבע״ פון דער צייט פון ניקאָלאַי דעם I-טן, ווי אַזוי האָט זי געווירקט אויפן יידישן יונגנמאַן, וואָס פלעגט נאָר-וואָס אַוועק פון דער גמרא און פון בית-המדרש!...

איין קוק פון אַ פאָניע איז גענוג געוועזן, אַז ביי דעם יידישן יונגן זאָלן אָפּגענומען ווערן הענט און פיס און ער זאָל ווערן „טויט ווי אַ מת״. די באַציאונג פון די יידן צו דער גזרה איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך. יעדערער האָט זיך געפּרובט ראַטעווען ווי נאָר ער האָט געקאָנט, אַנטלויפן וואו די אויגן וועלן טראָגן. אין אַ ליד פון יענער צייט ווערט דער דאָזיקער מאָמענט אַזוי געשילדערט.

„דער ערשטער אוקאַז איז אַראָפּגעקומען אויף יידישע זעלנער,

זייגען זיך אַלע צעלאָפן אין די פוסטע וועלדער.
אוי וויי, אוי וויי!

אין אַלע פוסטע וועלדער זייגען מיר צעלאָפן,
אין פוסטע גריבער זייגען מיר פאַרלאָפן.
אָוי וויי, אוי וויי!

בין איך געלעגן אין גרוב אַ טאָג מיט דריי מעת-לעת.
בין איך געוואָרן טויט ווי אַ מת.
אוי וויי, אוי וויי!

צו דער גרויסער יידישער חרפה מוז דערמאָנט ווערן, אַז צווישן די יידן גופא האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אַזוינע פאַרשוינען, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט דער שענדלעכער אַרבעט פון כאַפּן יידישע רעקרוטן. דאָס זייגען געווען די אויס-וואורפן פון דער געזעלשעפט, ווער עס פלעגט זיך קענען אויס-קויפן, פלעגט פון זיי באַפרייט ווערן. אין דעם זעלבן ליד ווערט געזונגען:

קומט אַריין דער כאַפּער מאיר,
טראָג איך אים אַריין דעם ווייסן צווייער.
אוי וויי, אוי וויי!

דעם ווייסן צווייער צוגענומען, צוגענומען
און מיך פאַר קיין רעקרוט ניט גענומען.
אוי וויי, אוי וויי!

אָפטמאָל פלעגט אָבער דאָס געלט אויך ניט העלפן. דער כאַפּער פלעגט צונעמען דאָס געלט און דאָך ניט שאַנעווען דעם נפש:

„קומט אַריין דער כאַפּער מענדל
טראָג איך אים אַריין דאָס רויטע רענדל.
אוי וויי, אוי וויי!

דאָס רויטע רענדל צוגענומען, צוגענומען
און מיך פאַר אַ רעקרוט מיטגענומען.
אוי ווײ, אוי ווײ!

פון דער דאָזיקער גזרה האָבן דאָס רוב געליטן די אָרימעלייט און אין די פאָלקסלידער דריקט זיך אויס זייער שאַרפער פראָטעסט ווי קעגן דער גזרה בכלל, אַזוי אויך קעגן די יידישע גבירים און כּלי־קודש, וואָס העלפן מיט, אַז פון די גזרות זאָל ליידן נאָר דער אָרימאַן.

אַלס בעסטע אילוסטראַציע פון דעם מין לידער קען דינען דאָס פאָלגנדיקע ליד:

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשן.
געוואַלד וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג? —
צי דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?

קליינע עופהלעך רייסט מען פון חדר,
מע טוט זיי אָן יונישע קליידער.
אונזערע פרנסים, אונזערע רבנים
העלפן נאָר אָפּצוגעבן זיי פאַר יוונים.

ביי זושע ראַקאָווער זיינען דאָ זיבן בנים,
און פון זיי ניט איינער אין יוונים,
נאָר לאה די אלמנהס איינציק קינד
איז אַ כּפּרה פאַר קהלשע זינד

עס איז אַ מצווה אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זיינען דאָך ליידאַקעס.
קרעציקע כייציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער,
טאָר ביי אונז ניט אַוועקגיין ניט איינער.

צווישן די היסטאָרישע יידישע פאָלקסלידער זיינען פאַראַן אויך אַזוינע, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אָנטייל פון די יידן אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד. אַ שטאַרקן אײַנדרוק מאַכט דאָס ליד, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט, ווי אַזוי אײַנער אַ ייד ווערט פאַרמשפּט צום טויט פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן. צום לעצטן מאָל קוקט ער אָן די שטאָט פון זיין געבורט און זעגנט זיך מיט איר מיט אַזוינע ווערטער:

...„ווילנע, ווילנע, קלאָג צו מיין קלאָג,
איך זע דאָך דיר דעם לעצטן טאָג!...

(ג. מ.)

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן אײַנדרוק אויף די יידישע מאַסן, און דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין שרעקלעכן צער און ווייטאָג אין אַ סך לידער. אין אַ ליד, וואָס שטאַמט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80-קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געפינען מיר אַזוינע כאַראַקטעריסטישע שטעלן:

...„אוי, די ווילדע קאַצאַפּעס
מיט זייערע לאַפּעס,
זיי האָבן אַלעס פאַרדאָרבן,
די הויז צעבראָכן,
דעם פאָטער דערשטאָכן,
די מוטער איז פון שרעק געשטאָרבן,
דער ברודער פון צאָרן אַנטלאָפן געוואָרן
און ער האָט אויך איין מערדער דערשאָסן.
אַך, רואיק לעבן, עס קען דאָך ניט געבן,
מע האָט אים אין קייטן געשלאָסן...“

(זע אונזער זאַמלונג)

דאָס ליד וועגן דעם שרעקלעכן פּאָגראָם אין אָדעס אין יאָר 1905 הייבט זיך אָן מיט אַזוינע ווערטער:

„ווער עס האָט די בלאַט געלעזן
פון דער באַרימטער שטאָט אָדעס,
וואָס פאַר אַן אומגליק ס'האָט געטראָפן
אין איינע צוויי דריי מעת־לעת...״

(זע אונזער זאמלונג)

מיטן אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג הייבט זיך אָן אויסצוקריסטאַליזירן אַ נייער קלאַס, וואָס הייבט אָן צו שאַפן אַ נייעם מין לידער. דאָס זיינען די לידער פון קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג פאַר פאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

„שוועסטער און ברידער,
לאָמיר זיך ניט אירצן,
לאָמיר מיקאָלאַיען
די יאָרעלעך דערקירצן!..״—

דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון דעם נייעם אַרט לידער. די נייע צייטן רופן אַרויס אַפילו נייע וויגלידער. די מאַמע פאַר־וויגט שוין ניט דעם קינד מיטן לידל „תורה איז די בעסטע סחורה״, נאָר אַנדערע טענער און אַנדערע ווערטער קלינגען אין איר וויגליד:

„שלאָף, מיין קינד, מיין קינד, מיין שיינער,
שלאָף מיין זונעניו,
אַ יונגער סיבירניק איז דער טאַטע דיינער,
שלאָף, ליו־ליו, ליו־ליו.

אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וועלן וויסן וואו דיין פאָטער איז פאַראַן,
דו זאָלסט צעררייסן די אייזערנע קייטן,
דו זאָלסט נעמען ראַכע פון דעם טיראַן.

אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן
און דו וועסט זיין מיט לייטן גלייך,
דעמאָלט וועסטו געוואָר ווערן,
וואָס הייסט אָרים און וואָס הייסט רייך.

די טייערע פּאַלאַצן מיט די טייערע הייזער,
דאָס מאַכט אַלץ דער אָרימאַן,
און ווייסט ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
אַלץ ניט ער, נאָר דער רייכער מאַן".

(פון ש. לעהמאַנס זאַמלונג)

די שרעקלעכע וועלט=מלחמה האָט געבראַכט אַ גרויסן חורבן אין דעם לעבן פון די יידישע פאָלקסמאַסן. די אַלע אָנשיקענישן פון דער מלחמה: די מאָביליזאַציעס, אָקופּאַציעס, פּאָגראָמען, גרושים, צוואַנג=ארבעט, הונגער, שרעק און אַלע איבעריקע צרות האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף די פאָלקסמאַסן.

אַ סך איז אויסגעקומען אויסצושטיין, פיל האָט מען איבער= געלעבט. און די אַלע געפילן און איבערלעבענישן האָבן געקראָגן זייער אויסדרוק אין פאַרשיידענע שאַפונגען פון פאָלק, ווי לידער, לעגענדעס, ווערטלעך א. ד. ג. פאַראַן אַ פאָלקסווערטל: ווען זינגט דער ציגיינער?—בשעת ער איז הונגעריק. דאָס דאָזיקע ווערטל קען אָנגעווענדט ווערן צו דער יידישער פאָלקסשאַפונג אין דער צייט פון דער מלחמה. אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן האָט דאָס פאָלק געשאַפן, אויסגעגאָסן דאָס ביטערע האַרץ, אויס= געדריקט זיין קוק אויף די אַלע געשעענישן אין הונדערטער לידער, לעגענדעס און מעשיות.

פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווי נאָר די מלחמה איז ערקלערט געוואָרן, האָבן זי פריער פאַר אַלעמען גלייך דערפילט די יידישע

פאָלקסמאַסן. דער צוזאַמענשטויס צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אין די געביטן, וואָס זיינען געווען געדיכט באַזעצט מיט די יידישע מאַסן, אין דעם אַזוי־גערופענעם תחום־המושב. די דאָזיקע געגנטן האָבן דעריבער מער פאַר אַלע גע־ליטן פון דער מלחמה. ניט נאָר די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען האַרט ביים פראָנט (וועגן זיי איז שוין אָפּגערעדט, זיי זיינען חרוב און מוחרב געוואָרן), נאָר אפילו די אַלע איבעריקע שטעט און שטעטלעך האָבן אויך דערשפירט דעם שרעקלעכן עקאָנאָמישן קריזיס.

דעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
איז געוואָרן אַ טומל און אַ גרויס געוויין,
דעם צווייטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
זיינען אַלע געשעפטן געבליבן שטיין.

די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן האָבן זיך די ערשטע צייט ווייניק פונאַנדערגעקליבן אין די סיבות פון דער וועלט־מלחמה.

די בלוטיקע געשעענישן זיינען פאַר זיי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. אָבער שטאַרקער פאַר אַלעמען האָבן דאָס דער־פילט די אַלע, וואָס האָבן אָפּטמאָל אין 24 שעה געדאַרפט אי־בעררייסן מיטן פריערדיקן אַרט לעבן און אַריין אין דעם גרויען בעוואַנט, און פון קאַזאַרמע—גלייך אויף דער פּאָזיציע:

„אוי ווי צום פאָטער, אוי ווי צו דער מוטער,
וואָס האָבן אַ זון אַ זאַפּאַסנאָי,
מע טוט אים אָן סאָלדאַטסקע קליידער
און שיקן שיקט מען אים אין באָי.

וואָס פון טאָג האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן די שוידערלעכע גרוילן פון דער מלחמה, וואָס ווייטער האָט מען גענומען שיקן

אהין אַלץ מערער מענטשן. די מאַסע איז דערשלאָגן געוואָרן, מ׳האָט ניט געזען קיין אויסוועג. איין מיטל איז גאָר פאַרבליבן — דאָס איז געווען די טענה צום רבש״ע:

„גרויסער גאָט, אוי, גאָט אין הימל
וואָס האָסטו אָנגעשיקט אַזאַ מין שטראָף,
מע נעמט צונויף אַ וועלט מיט מענטשן
און מע טרייבט זיי ווי די שאָף“.

דער לעצטער זאַץ כאַראַקטעריזירט שוין אַ ביסל די באַציאונג פון דער מאַכט צו די פשוטע גרויע יונגים. די אַזוי־גע־רופענע „פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד“.

אין עטלעכע יידישע פאָלקסלידער ווערט די דאָזיקע באַציאונג שאַרף אונטערגעשטראָכן. ניט־געקוקט אויף דעם גרויסן פאַטריאָטישן טאַראַראַם און האַרמידער, האָט מען דאָך פאַרן סאָלדאַט ניט אָנגעהויבן צו זאָרגן און אַ סך פלעגט אויסקומען צו ליידן פון הונגער און פון שמוץ.

אין די קאַזאַרמעס זייַנען מיר געזעסן,
ניט געטרונקען, ניט געגעסן...

איידער מיר זייַנען צום פּאָזיציע געקומען —
דריי חדשים אין איין העמד...

צוגלייך מיטן אָנהייב פון דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן די אויסוואַנדערונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן פון זייערע אַלט־געזעסענע היימען. וויבאַלד אַז דער יידישער תּחום איז געוואָרן דער קאַמפּפּלאַץ, האָט שוין די פרידלעכע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך ניט געקאָנט פאַרבלייבן רואיק אויף די ערטער, חוץ דעם — אין די שטעטלעך ווייטער פון פראָנט, האָבן זיך קאָנ־

צענטרירט גרויסע אַרמייען, די יידישע באַפעלקערונג פלעגט מעז כסדר טעראָריזירן און אָנטאָן די גרעסטע נגישות.

דער עולם האָט גענומען אַנטלויפן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַנטרונענע, היימלאָזע — „בעזשענצעס". צווישן די אַלע אויסוואַנדערונגען איז שטאַרקער ווי אַלע געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון די יידישע מאַסן דער באַרימטער גרוש פון קאָוונע און אומגעגנט. די רוסישע צאַרישע רעגירונג האָט אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס פאַר די אַלע מפלות פון רוסישן חייל צו די יידן און צענדליקער טויזנטער נפשות זיינען אין אַ שיינעם טאָג פלוצלונג אומגליקלעך געוואָרן. די גרויסע צרות פון יענע צייטן האָבן די אַנטרונענע אויסגעדריקט אין אייניקע לידער.

פון דעם מין לידער האָט זיך אונז דערווייל איינגעגעבן צו פאַרצייכענען נאָר איינס — דאָס ליד באַרירט אַ צווייטע פלאָג פון די אַנטרונענע, — די לאַגע פון די פאַריאָגטע און פאַרוואָגלטע איז געווען זייער אַ טרויעריקע. און דאָ מוז ווייטער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ניט-קוקנדיק אויף דעם גרויסן טומל פון די פאַרשיידענע יידישע הילפס-חברות האָט מען די „בעזשענצעס" זייער ווייניק געהאָלפן.

אָט ווי אַזוי עס שילדערט די לאַגע דאָס פאָלקסליד:

„אין קאָמיטעט נאָך די ברויט,
עס קומט אָן מיט דעם טויט...

אין קיך נאָך די זופּ,
עס הערט זיך — עס פעלט בולבע,
עס פעלט קרופּ,
אַזאַ מזל אויף זיי, וואָס פאַר אַ זופּ!

דאָרט האָט זיך איינגעטשעפּעט איינער
ווי אַ פּיאַווקע:

גיט מיר אַ ביסל אַ דאָבאַווקע,
דאָרט איז געוואָרן איינעם ניט גוט.

ס'איז אַריבער דער ערשטער מלחמה־יאָר און די רוסישע חיילות האָבן געמוזט פאַרלאָזן אַ גאַנצע ריי גובערניעס פון יידישן תחום. און די געגנטן זייבען פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה פון בייע שרעקלעכע ליידן. די דייטשע אָקופּאַציע וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער. ווער עס האָט נאָר איבערגעלעבט דעם „ויהי בימי״... וועט שוין קיין חיבוט־הקבר ניט דאַרפן ליידן. אַפילו איצט, ווען מען נעמט זיך דערמאָנען יענע צייטן, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן ווי האָט מען דאָס געקענט אַריבערטראָגן.

ניט דאָ איז דאָס אָרט געהעריג צו באַשרייבן די דאָזיקע צייטן. מיר ווילן נאָר באַטאָנען די מאָמענטן, וואָס ווערן אָנגערירט אין די פאַרעפנטלעכטע פאָלקסלידער.

דאָס שרעקלעכסטע אין דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען דאָס, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן געקוקט אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג ווי אויף שקלאַפן. ס'איז אַראָפּ די מענטשנ־ווערדע, דער זעלנער האָט געמעגט טאָן מיט די אָרטיקע איינ־וואוינער, וואָס זיין האַרץ האָט געלוסט. די באַציאונג איז געווען ווי צו בהמות, מ'האָט געכאַפּט אינמיטן גאַס אויף דער אַרבעט, געטריבן מיט בייטשן, געשלאָגן מיט שטעקנס.

די לאַגע פון די צוואַנגאַרבעטער איז גאָר ניט צו באַ־שרייבן.

אָט ווי אַזוי דער צוואַנגאַרבעטער באַקלאָגט זיך אויף זיין ביטערן מזל:

„דאָרט אין ניישטאָט אין די באַראַקן,
דאָרט ליגט דער צוואַנג־אַרבעטער און וויינט,
צו זיין גרויסן אומגליק איז ניטאָ קיין גלייכן,
ווייל זיין האַרץ איז אין אים פאַרשטיינט.

ווי מע האָט אים פון זיין היים אַרויסגעטריבן,
און קיין ניישטאָט אין פּלען געבראַכט,
צעבראָכן זיין האַרץ און זיינע געפילן,
און פון זיין קערפּער אַ סקעלעט געמאַכט״.

אין זייערע באַריכטן וועגן די אויפטועו אין די אָקופּירטע געביטן האָבן זיך די דייטשן באַרימט, אַז זיי האָבן די דאָזיקע געביטן אויסגעבויט, דורכגעפירט שאָסייען, בריקן, באַנליניעס א. אַז. וו.

די אַרטיקעל איינוואוינער ווייסן גאַנץ גוט, מיט וואָס פאַר אַ פּרייז זיי האָבן באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער אויפבויאונג. די אַלע שאָסייען זיינען אויסגעלייגט מיט די ביינער פון די צוואַנג־אַרבעטער.

דער צוואַנגאַרבעטער האָט אַזוי געזונגען:

„אויב די שטרעקע וועט פאַרטיק ווערן,
אויסזען וועט זי ווי אַ זיידן קלייד,
און מיר וועלן ליגן אין די בעטלעך קראַנקע,
און ראַנגלען וועלן מיר זיך מיטן טויט״.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָט דער אַרבעטער געקרעכצט אונ־טער דעם שווערן יאָך פון דעם פּרייסישן שטיוול, געקרעכצט און מיט טויטע קללות געשאָלטן דעם טיראַן:

„עמלקים איר טיראַנען,
וועלכע האָבן אונזער פרייהייט גערויבט,
פאַרניכט זאָל ווערן זייערע לענדער
און צעשמעטערט זאָל ווערן
זייער קייסערס קרוין״.

צו פרי איז נאָך בײ הײנטיקן טאָג אונטערצופירן דעם סך=הכּל פון די אַלע פלאָגן און קלאָגן, וואָס די ייִדישע פאָלקסמאַסן זײַנען אויסגעשטאַנען פאַר די פינסטערע און ביטערע מלחמה=יאָרן. אַ געוויסע תּקופה איז שוין אָבער דורכגעמאַכט און די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע מוזן שוין געזאַמלט ווערן. די פאָלקסשאַפונג וועט געוויס פאַרנעמען אַ בּכּבודיקן אָרט צווישן די מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון די מלחמה=יאָרן, די אויפגאַבע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ באַשטייט דעריבער אין צונויפזאַמלען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַר דער צייט געשאַפן געוואָרן. די אַרבעט איז אמת ניט קיין לײַכטע. די קיבוצים זײַנען צעוואָרפן און אָפּגעריסן אײנע פון די אַנדערע. יעדערער אויף זײַן אָרט מוז אָבער טאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך. אין ווילנע, אין דער אַלטער פאָלקסטימלעכער ייִדישער ווילנע, האָט אַלע מאָל געשלאָגן דער קוואַל פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג. דאָ איז פאַר דער שרעקלעכער צייט פון דער מלחמה אויך זײער אַ סך געשאַפן געוואָרן: בײַ אונז זײַנען שוין פאַרצייכנט אײניקע וואַריאַנטן פון דעם ליד וועגן די מאָביליזאַציעס, לידער פון צוואַנג=אַרבעט פאַר דער צייט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע א. אַנד. עס איז נאָך אָבער אַ טראָפּן אין ים. תּיכּף מוזן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען די גאַנצע פאָלקסשאַפונג צונויפצוזאַמלען.

דאָס פאָלקסליד איז אײנער פון די פּאָפּולערסטע און אָנערקענטסטע צווײַגן פון ייִדישן פאָלקלאָר. אויב בנוגע צו אײניקע צווײַגן פון פאָלקלאָר מערקט מען נאָך עד=היום אַ געוויסן ביטול מצד דער ייִדישער אינטעליגענץ, קען מען דאָס אָבער ניט זאָגן בנוגע צו דער באַציִאונג צום פאָלקסליד.

אַ גרויסע ראָלע שפּילט דאָ די מעלאָדיע. די נאָענטע טענער פון דער פאָלקסמעלאָדיע געפינען אַן אָפּקלאַנג בײַ יעדערן אין האַרצן. מיט די פאָלקסלידער האָט מען זיך זײער פאַראינטע=

רעסירט און מ'האָט זיי פאַר דער לעצטער צייט ענערגיש אָנגעהויבן צו זאַמלען. דעם זאַמלער פון די טעקסטן קומט צו הילף דער זאַמלער פון די מעלאָדיעס. ניט קוקנדיק אָבער אויף די אַלע באַמיאונגען האָט מען נאָך ביי היינטיקן טאָג צונויפגעזאַמלט נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס ס'איז פונם פאָלק געשאַפן געוואָרן.

ביז איצט זיינען ערשינען פאָלגנדיקע זאַמלונגען פון פאָלקסלידער:

1) יידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד, געזאַמלט און אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַ הקדמה פון ש. מ. גינזבורג און פּ. ש. מאַרעק.

צום סוף פון בוך איז בייגעלייגט אַן אָנווייזער פון די לידער־זאַמלונגען אין יידיש, וואָס געפינען זיך אינם אַזיאַטישן מוזיי פון דער קייזערלעכער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, צונויפגעשטעלט פון ס. מ. ווינער.

דער שער און די הקדמה צום בוך זיינען געשריבן אין רוסיש, דער טעקסט פון די לידער מיט צווייערליי אותיות: יידישע און לאַטיינישע. קיין מעלאָדיעס צו די טעקסטן זיינען אין בוך ניט פאַראַן. אַרויסגעגעבן איז דאָס בוך פון דער רעדאַקציע „וואָסכאָד" אין פעטערבורג אין יאָר 1901.

2) יידישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס אויס דעם פאָלקסמויל, געזאַמלט פון י. ל. כהן (2 בענד), אַרויסגעגעבן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, ניו־יאָרק 1912. אין ביידע בענדער זיינען פאַראַן לידער.

3) יידישע פאָלקסלידער געזאַמלט פון נח פּרילוצקי. 1־טער באַנד—רעליגיעזע לידער (101). 2־טער באַנד—א) לידער און מעשהלעך פון טויט, ב) באַלאַדעס און לעגענדעס מיט און אָן אַ מוסר השכל (96), ביי'ער פאַרלאַג, וואַרשע, תרע"ג.

4) פון פּורים־רעפּערטואַר — געזאַמלט פון נח פּרילוצקי, זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, II ב. ביי'ער פאַרלאַג, 1917

5) 60 פאָלקסלידער מיט נאָטן, געזאַמלט פון מ. קיפּניס, וואַרשע, פאַרלאַג פון א. גיטלין.

אין דער־דאָזיקער זאַמלונג געפינט זיך אַ טייל פאָלקסלידער, וואָס איז שוין געדרוקט אין אַנדערע זאַמלונגען און אויך אייניקע פאָלקסמאָטיוון פון באַוואוסטע מחברים.

די דאָזיקע ווי אויך אייניקע אַנדערע זיינען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „קיפּניס־פאַרלאַג" אייבציקווייז אויף באַזונדערע בויגנס פון גרויסן פאָרמאַט.

6) יידישע פאָלקסלידער געזאַמלט פון ל. ב—ן, חוה פיין און ד. א—ן. „פּנקס" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, תרע״ג, פאַרלאַג פון ב. קלעצקין.

7) אַרבעט און פרייהייט—זאַמלונג פון לידער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין פאָלק אין דער צייט פון דער פרייהייט־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, ווערטער און מעלאָדיעס געזאַמלט און דערקלערט פון שמואל לעהמאַן, וואַרשע, „פאָלקלאָר־ביבליאָטעק" 1921.

אייניקע יידישע פאָלקסלידער זיינען אויך געווען אָפּגעדרוקט אין „לעבן און וויסנשאַפט" ווילנע (1910) און אין די דייטשע אויסגאַבן „Mitteilungen" און „Am Urquell" ווי אויך אין זאַמלונגען, וואָס זיינען אונז ליידער ניט צוגענגלעך.

דער מאַטעריאַל, וואָס ווערט דאָ איצט פאַרעפנטלעכט, איז נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געווען. דער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט דורכגעקאָנטראָלירט די אַלע אָנגעוויזענע לידער־זאַמלונגען, און האָט אויסגעשלאָסן פון זיין זאַמלונג די אַלע לידער, וואָס זיינען שוין איין מאָל געדרוקט געווען*). געבליבן זיינען נאָר די וואַריאַנטן, ווייל יעדער וואַריאַנט איז זייער כאַראַקטעריסטיש. דער גרעסטער טייל פון דעם געגעבענעם מאַטעריאַל איז געזאַמלט

*) צוליב אַ פאַרזען איז צום באַדויערן פאַרבליבן דאָס ליד פון קיפּניסעס רעפּערטואַר „אַ חברטע", ווי אויך דאָס ליד „קאַרמאַניאָל", וואָס איז ש. אנסקיס אַן איבערזעצונג פון דעם באַקאַנטן רעוואָלוציאָנערן ליד.

געוואָרן פון דעם מחבר דירעקט פון פאָלקסמויל *) אין משך פון אַ יאָר צען אין ווילנע און אין די שטעטלעך פון ווילנער גובער־ניע. די איבעריקע לידער געהערן צום מאַטעריאַל פון דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי. אין דער לעצטער זאַמלונג האָט אַ גרויסן אָנטייל גענומען דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט, ה׳ חייקל לונסקי **).

דער גאַנצער מאַטעריאַל איז פאַרטיילט געוואָרן אין פאָלגנ־דיקע אָפטיילונגען:

I) וויגלידער; II) קינדער לידער: א) שפּילן, ב) ציילענישן, ג) צונעמענישן, שפּאַס און שפּאָט־לידער, ד) פאַרשיידענע קינדער־לידלעך; III) לידער פון חדר און פון דער ישיבה, IV) ליבע־לידער; V) באַלאַנדנאַרטיקע לידער (אומטרייע און אומגליקלעכע ליבע א. א.), VI) חתן־כלה און חתונה־לידער, VII) פאַמיליענלי־דער; VIII) פריזיוו און סאָלדאַטן־לידער; IX) היסטאָרישע לידער; X) אַרבעטער־לידער; XI) יום־טוב־לידער; XII) רעליגיעז־נאַציאָ־נאַלע און חסידישע לידער; XIII) פאַראָדיעס און פאָלקס־הומאָרע־סקעס; XIV) סאַטירישע לידער; XV) יידישע לידער אין אַנדערע שפּראַכן; XVI) מלחמה־לידער; XVII) פאַרשיידענע לידער.

די פאָרגעלייגטע אַרבעט אונזערע איז שוין די צווייטע אויפן געביט פון זאַמלען די מאַטעריאַלן פון יידישן פאָלקלאָר ***)

*) די דאָזיקע לידער זיינען באַצייכנט מיט איין שטערנדל (*).

**) מיט צוויי שטערנדלעך זיינען אָנגעוויזן די לידער, וואָס זיינען גע־זאַמלט געוואָרן ביי דער ליטעראַרישער סעקציע פון ערשטן יידישן קינדערקלוב דורך עמינדב מאַרגאָלין; מיט דריי שטערנדלעך — די זאַמלונגען פון ה׳ יצחק ברוידעס, מיט פיר שטערנדלעך — די זאַמלונגען פון ח. לונסקי, און מיט פינף שטערנדלעך אייניקע לידער, געזאַמלט פון ע. מאַרגאָלין.

***) זע: 1) יידישע פאָלקסרעטעניש, געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי, ווילנע 1919, פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“, 3־טע אויפ־לאַגע מיט אַ ביילאַגע פון ש. אַנסקיס רעצענזיע.

2) „ביים קוואַל“ — יידישע שפּריכווערטער, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, רעדנס־אַרטן, פאַרגלייכענישן, ברכות, ווינטשעניש, קללות, חרמות, סימנים, סגולות און זאַבאַבאָנעס א. אַ., געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי, רעדאַקטירט פון ז. רייזען.

דער זאַמלער האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט אַנדערע צווייגן פון דעם יידישן פאָלקלאָר. ער האָט אָבער ניט געקאָנט אויסמיידן דעם וויכטיקן צווייג פון דעם יידישן פאָלקסליד און צו דעם אויך, ווי מע זאָגט, „צוגעלייגט א האַנט". אין דער אַרבעט זיינען געוויס געמאַכט געוואָרן טעותן. שוין דאָס אַליין, וואָס דער טעקסט פון די לידער אין דער זאַמלונג (אַזוי ווי, צום באַדויערן, אויך אין דעם גרעסטן טייל פון די איבעריקע זאַמלונגען) איז פאַרצייכנט געוואָרן ניט אין דער אויסשפּראַך פון זינגער, נאָר אין דער אַלגעמיין אָנגענומענער ליטעראַרישער שפּראַך,—אָנערקענט דער זאַמלער אַליין פאַר א גרויסן פעלער*), עס פעלן אויך די מעלאָדיעס צו די לידער. דער קענער פון דער זאַך וועט געוויס נאָך פעלערן געפינען. דער זאַמלער וועט זייער דאַנקבאַר זיין, ווען די אַלע פעלערן וועלן אָנגעוויזן ווערן, דער ציל פון דעם זאַמלער איז געוועזן א גאַנץ באַשיידענער—פאַרצייכענען כאָטש וויפיל ניט איז פון די פאָלקס-לידער און וואַריאַנטן, וואָס זיינען נאָך עד-היום ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און מיט דעם ווירקן אויף אַנדערע, זיי זאָלן די אַרבעט פאָרזעצן. וועגן דער וויכטיקייט פון דער אַרבעט דאַרף מען קיין סך ניט ריידן. די יידישע פאָלקסאינטעליגענץ און דערהויפּט די יידישע לערערשאַפט מוז זיך תיכף נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט. קיין איינציקע פאָלקסשאַפונג זאָל ניט פאַרלאָרנגיין. עס מוז וואָס גיכער צונויפגעזאַמלט ווערן דאָס גאָלדענע בוך פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג.

כללים

ווי אַזוי צו פאַרשרייבן ווערק פון פאָלקסשאַפונג**).

1) איידער מען הייבט אָן צו פאַרשרייבן, דאַרף דער פאַר-

---

*) זע די ביילאַגע צו דער זאַמלונג — כללים ווי אַזוי צו פאַרשרייבן ווערק פון פאָלקסשאַפונג פון ש. אַנסקי.

**) צונויפגעשטעלט פון ש. אַנסקין פאַר דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער קאָמיסיע.

שרייבער פאַרצייכענען זיין אייגענעם נאָמען, פאַמיליע, עלטער, באַשעפטיקונג, געבורטס־אָרט, אָרט וואו עס ווערט פאַרשריבן, דאַטע.

2) ביי יעדער פאַרשריבענער זאַך מוז פאַרצייכנט ווערן, פון וועמען עס איז פאַרשריבן: נאָמען, פאַמיליע, עלטער, באַשעפטיקונג, געבורטס־און וואוינאָרט.

3) עס איז באַגעריק, אַז יעדע זאַך (מעשה, ליד, וויץ וכדומה) זאָל פאַרשריבן ווערן אויף אַ באַזונדער זייטל. שרייבן דאַרף מען נאָר אויף איין זייט מיט אַ קלאָרן לעזבאַרן כתב.

4) איידער מ'פאַרשרייבט, דאַרף מען זיך איבערצייגן, אַז דער דערציילער קלייבט זיך ניט דערציילן אַ זאַך, וואָס ער האָט געלעזן.

5) פאַרשרייבן מוז מען פונקט און בוכשטעבלעך ווי עס ווערט דערציילט. אויב דער דערציילער טראָגט אַריין אומנוצלעכע ווערטער, חזרט איבער צוויי מאָל איין וואָרט, שטעלט אַריין באַמערקונגען, דאַרף עס אַלץ פאַרשריבן ווערן בוכשטעבלעך.

6) בשעתן פאַרשרייבן טאָר מען דעם דערציילער קיין פראַגן ניט שטעלן, ניט אויפווייזן אים, ניט פאַרריכטן זיינע טעותן, נאָר נאָך דעם ענדיקן פאַרשרייבן קען מען ביי אים פרעגן און צושרייבן זיין ענטפער ווי אַ באַמערקונג.

7) ניט פאַרשטענדלעכע אָדער אָרטיקע ווערטער און אויסדריקן דאַרפן פאַרשריבן ווערן בוכשטעבלעך און נאָך דעם דערציילן דאַרף מען פרעגן, וואָס זיי באַדייטן און פאַרצייכענען ווי אַ באַמערקונג.

8) עס דאַרף פאַרשריבן ווערן יעדער וואָרט אַקוראַט, ווי דער דערציילער רעדט אים אַרויס. דהיינו: אין איין אָרט זאָגט מען: דאָס, וואָס, טאַטע, מאַמע, ליכט. אין אַן אַנדער אָרט: דועס, וואועס, טאָטע, מאָמע, לעכט. עס דאַרף אָפּגעהיט ווערן שטרענג דער אויסרייד (די אויסשפּראַך).

9) מען דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן פון צו פאַרשרייבן די גראָבסטע, ציניש ווערטער און אויסדריקן, פאַר ענטנאָגראַפיע איז ניטאָ קיין ציניזם און גראָבהייט.

10) עס איז באַגעריק, אַז בשעתן פאַרשרייבן פון מעשיות און לעגענדעס זאָלן זיך אין חדר וואו עס קומט פאָר דער פאַרשרייבן, געפינען נאָר דער דערציילער און פאַרשרייבער. איין אויסנאָם דאַרף געמאַכט ווערן, ווען דער דערציילער איז מער באַלעבט, אַז ער האָט פאַר זיך מער צוהערער. אין דעם פאַל דאַרף זיין שטרענג פאַרבאָטן די צוהערער אַריינמישן זיך, איבעררייסן די דערציילונג מיט פראַגן, פאַרריכטונגען וכדומה.

11) לידער און ניגונים איז באַגעריקער צו פאַרשרייבן אין אַ גרעסערער סביבה, וואו איינער קען דערמאָנען דעם אַנדערן נייע זאַכן.

12) אַ מעשה אָדער אַ לעגענדע האָט אַ פיל קלענערן ווערט, ווען זי ווערט פאַרשריבן פון דעם דערציילער גופא, איידער זי ווערט פאַרשריבן פון אַ צווייטן לויט זיין דערציילן. ביים דערציילן זיינען דאָ אויסדריקן, וועלכע ווערן אויסגעמיידט אין שרייבן. דרום, ווען עס איז נאָר מעגלעך צו פאַרשרייבן פון אַן אויסוויניקסטן דערציילן דאַרף מען ניט דערלויבן דעם דערציילער פאַרשרייבן זיין דערציילונג.

13) בשום אופן דאַרף מען ניט דערלויבן דעם דערציילער פריער דערציילן די מעשה נאָר צום הערן און נאָכדעם איבערחזרן עס צום פאַרשרייבן. בשעתן איבערחזרן ווערט די דערציילונג פאַרקירצט און אין איר חזרן זיך ניט איבער די כאַראַקטעריסטישע ווערטער און אויסדריקן, וועלכע האָבן דעם גרעסטן ווערט אין דער פאָלקסשאַפונג.

14) זאַכן, וועלכע האָבן אַ באַשטימטן אומגעענדערטן נוסח (לידער, שפּריכווערטער, פאַרשפּרעכעניש) קענען פאַרשריבן ווערן פון דעם מאַטעריאַל-געבער אַליין, נאָר ער זאָל שרייבן, אַקוראַט ווי ער רעדט זיי אַרויס.

15) פאַר היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אין וועלכע דער הויפּט־ווערט איז ניט די פאָרם, נאָר דער פּראַקטישער אינהאַלט, זיי־נען ניט וויכטיק די כּללים פון § 5, 6, 8, 10, 12 און 13. ביים פאַרשרייבן ערינערונגען, ביאָגראַפיעס, היסטאָרישע פאַקטן איז, פאַרקערט, נייטיק שטעלן פראַגן, איבערהויפּט וועגן נעמען, מענטשן און ערטער, וועגן דאַטן און דאָסגלייכן, אָבער קיין אונטערזאָגונגען, וועלכע קענען צעמישן דעם זכרון פון דערציילער, דאַרפן ניט געמאַכט ווערן.

16) אַלע מאַטעריאַלן דאַרפן איבערגעגעבן ווערן דעם סעק־רעטאַר פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער קאָמיסיע און טאָרן ניט פאַרעפנטלעכט אָדער אַנדערש אויסגענוצט ווערן פון דעם פאַרשרייבער אָדער אַ פּריוואַטער פּערזאָן אָן דער דערלויבעניש פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער קאָמיסיע.

17) דער סעקרעטאַר נומערירט די מאַטעריאַלן און טראָגט אַריין אין אַ בוך דעם נומער און כאַראַקטער פון דער זאַך, לויט דער אָפּטיילונג, צו וועלכער עס געהערט.

יידישע פאָלקסלידער.

I. וויגלידער.

1**

אונטער גאָלדעלעס וויגעלע
שטייט אַ ווייסע ציגעלע,—
די ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזינקעס מיט מאנדלען.

ראָזינקעס מיט מאנדלען
איז זייער זיס.
גאָלדעלע וועט זיין
געזונט און פריש.

ראָזינקעס מיט מאנדלען
איז די בעסטע סחורה,
גאָלדעלעס חתן וועט זיצן
און לערנען תורה.

תורה צוה מורשה,
גאָלדעלעס חתן וועט דרשענען אַ דרשה,
אַ דרשה, אַ דרשה איז וואויל געיאכט,
גאָלדעלעס חתן וועט לערנען סיי
טאָג, סיי נאכט.

וואר. ג. מ.—60, 61, 62.

וואר.— 2**

אונטער גאָלדעלעס בעטעלע,
וואקסט אַ גריגינקע בלעטעלע,
גריגינקע וואלד,
גאָלדעלעס טאטע וועט קומען באלד.

אונטער גאָלדעלעס בעטעלע
וואקסט אַ גריגינקע בלעטעלע,
ווער עס וועט די בלעטעלע אָפרייסן,
יענעם וועט מען אָפשמייסן.
יענקעלע האָט די בלעטעלע אָפגעריסן,
יענקעלען האָט מען אָפגעשמיסן.

3***

איי לי ליו, ליו ליו לי,
טאטע נישטאָ הי,
וואו איז טאטע געפאָרן?
קיין סטרי.

וואָס וועט טאטע קויפן?
אַ קעלבעלע מיט אַ קי,
ווער וועט זי מעלקן?
איך און די.

4*

שלאָף זשע, מיין קינד, אין דיין דרעמעלע
ביז דעם העלן טאָג,
און לעבן דיין עלנט וויגעלע
שטייט דיין מאַמע און קלאָגט.

זי קלאָגט, וואָס זי האָט דיך געבוירן
אויף צרות, אויף ליידן און שמאַרץ,
בשעת איך האָב דיין פאָטער פארלוירן
בינסטו נאָך געלעגן אונטער מיין הארץ.

קיין פאָטער, מיין פייגעלע, האָסטו ניט,
ער האָט דיר ניט דערלעבט צו זען,
בשעת איך האָב דיר געבוירן
איז דיין פאָטער אויף דער וועלט ניט געווען.
איבערן ווייטן ים וועסטו שווימען,
די וועלן וועלן דיר טראָגן,
צו א ברעג וועסטו צוקומען
און וועסט זיך ניט קענען דערשלאָגן.

איבערן ווייסן ים וועסטו שווימען,
שווער וועט דיר אָנקומען דיין ברויט,
וויפיל טרערן דו וועסט פארגיסן,
וועסטו זיך דערמאָנען, אז דיין פאָטער איז טויט.

5* וואר.—

(א טראַגעדיע-ליד מיט דער אלמנה).

פארשליס שוין די אייגעלעך, מיין קינד,
נעם מיר מיין חיות ניט ארויס,
פון דיין אומגליק ווייסטו ניט אצינד,
באַטש איך זאָג דיר דאָס שטענדיק אויס.

צך, באשיצן זאָל דיר דער שלאָף מיט זיין פליגל,
ביסקן דעם העלן טאָג,
איבער דיין עלנטן וויגל
זיץ איך דיין מוטער און קלאָג.

איך קלאָג וואָס איך האָב דיר געבאָרן
אויף צרות, אויף עלנט, אויף שמערץ,
אוי, ווען איך האָב דיין פאָטער פאר-לאָרן,
ביסטו מיר נאָך געלעגן אונטערן הערץ.

אוי, קיין פאָטער, מיין קינד, האָסטו ניט,
ער האָט ניט דערלעבט דיר צו זען,
ווען דו ביסט ארויס מיט מיין בלוט,
אוי, איז ער שוין ביי אונז ניט געווען.

טאָ ווײַן זשע מיין קינד ניט און דרעמל
ווײַלע דו ביסט נאָך יעצט קליין,
שפעטער וועסטו עלטער ווערן,
וועסטו שוין דיין אומגליק פארשטיין.

פון קיין נחת, מיין קינד, וועסטו ניט וויסן,
דען מיט מי וועסטו פארדינען דיין ברויט,
מיט בלוט וועסטו דיין הערץ פארגיסן,
אוי, אז דיין פאָטער, דיין פאָטער איז טויט...

II. קינדער-לידער.

א) שפילן.

1*

קאַרע ראָד, קאַרע ראָד,

עפּנט אויף דעם טויער!
ווער פּאָרט? ווער פּאָרט?
דער קייסער מיט דער קייסערינגע!
אויבן אָן
שטייט אַ האָן
אין ווייסע לאַפּטשעס
אָנגעטאָן.

וואר. ג. מ. 85.

י. פּערעלמאַן.
(האָראָדיי, מינסקער גוב.)

2**

רינגעלע, ראַנגעלע, ראָזנקראַנץ,
שפּיל מיר אויף דער גאַטע,
ווען די גאַטע קלינגען אָן
טיון טאָן זיבן מאָל.
גאָלדעלע האָט זיך אומגעקערט,
אַזוי האָט איר אַ קראַנץ באַשערט.

3*

אָדער רינגע ראַנגע,
זיס ווי די פּאַנגע,
זיבן מאָל אַרום,
מיין, ליבער חיים
קער זיך אום.

וואר. ג. מ. 86.

4*

אהרן, גיב באַרן,
שאָסערן, גיב אָשרן
וואוהין צו שיסן,
אַהין צי אַהער,
גיב זיך אַ קער.

5*

קאָטער פּלאָטער.

פון דער גאַנצער גרופּע קינדער,
וואָס נעמען אָן אָנטייל אין שפּיל,
ווערן אויסגעקליבן דורך אַ ציילעניש
צוויי: איינער—אַן עלטערער און אַ
צווייטער—„קאָטער פּלאָטער“ (ענלעך
צום טרייפּניאַק פון אַן אַנדער שפּיל).
די קינדער זעצן זיך אויס אין איין
שורה און האַלטן אויסגעשטרעקט די
פּאַרמאַכטע הויפּנס. דער עלטערער
האַלט אַ שטיינדל אין האַנט, ער גייט
פון חבר צו חבר און לאָזט איבער
ביי אימיצן פון זיי דעם שטיינדל.
קאָטער פּלאָטער „פּאַרקוקט“ זיך. אַז
דער עלטערער גייט פאַרביי אַלע
קינדער, רופט ער צו דעם „קאָטער
פּלאָטער“ און פרעגט ביי אים:

קאָטער פּלאָטער,
טרעף ביי וועמען איז דאָס,
צי ביי מיר,
צי ביי דיר,
צי ביים גלח
הינטערן טיר?

„קאָטער פּלאָטער“, קוקט זיך צו צו
די קינדער און דאַרף נאָכן פּנים
דערקענען, ביי וועמען דאָס שטיינדל
געפינט זיך. אויב ער טרעפט, גייט
איבער דער „געפאַנגענער“ צו אים,
אויב ניט, גיט קאָטער פּלאָטער אַ
פאַנד. אַז אַלע קינדער גייען אַריבער
צו „קאָטער פּלאָטער“, ווערט ער אַן
עלטערער.

(דעוועגישאָק, ווילנער גוב.)

6**

— קאַמער קאַמער קאַמערהויז,
קום אַריין צו מיר אין הויז!
— וואו ברענט?
— אין יענעם הויז,
— לויפט לעשן!

7*

— וואו פאַרקויפט מען בייגעלעך?

— אַן דאָרטן!

8*

אַ קינדערשפּיל

(פאַר מיידלעך)

(פאַרצייכנט אין מערעטש
ווילנער גוב. 1912).

מאַדאַם—ס'איז געקומען אַ מאַדאַם פון שווימענלאַנד!

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

איינע—וואָס דאַרפט איר, מאַדאַם פון שווימענלאַנד?

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

מאַדאַם—די ערשטע טאָכטער וואָלט איך וועלן!

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

איינע—די ערשטע טאָכטער קען איך אייך ניט געבן!

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

מאַדאַם—ברעך איך אויס די שויבן!

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

איינע—מאַך איך צו די לאַדן!

אַלע—אַדיע! אַדיע! אַדיע!

די שפּיל קומט פאָר אויף אַזאַ אופן: אַ סך מיידלעך שטעלן זיך אויס אין אַ האַלבער ראָד, איינע, די „מאַדאַם" שטייט ביים וואַנט. זינגענדיק „ס'איז געקומען אַ מאַדאַם פון שווימענלאַנד"... גייט די מאַדאַם צו צו די טעכטער. די טעכטער דאַרפן זיך היטן, די מאַדאַם זאָל זיי ניט אָנרירן. ביי די ווערטער— „די ערשטע טאָכטער וואָלט איך וועלן"... פרובט די מאַדאַם צוגיין גאָר נאָענט, נאָר אַלע זאָגן איר דאַן אַדיע! אַדיע! אַדיע! און נייגן זיך, לאַכן פון איר און טרעטן אָפּ אויף עטלעכע טריט אַהינטער. אויב ס'גיט זיך דער מאַדאַם איין אָנצוכאַפּן אַ מיידל, הייבט זיך די שפּיל אָן פון דאָסניי.

דאַן זאָגט די מאַדאַם—די צווייטע, דריטע טאָכטער א. א. וו. אַזוי כאַפּט די מאַדאַם אויס אַלע טעכטער און די איינע, וואָס פלעגט איר ענטפערן, פאַרנעמט איר אָרט.

9*

„גענזעלעך"

(אַ קינדערשפּיל)

(פאַרצייכנט אין דעוועניש־אָק
ווילנער גוב. 1912).

—אויף וואָס גראָבסטו אַ גריבעלע?

—צו שטעלן אַ דרייפוס!

—וואָס וועסטו שטעלן אויפן דרייפוס?

—אַ טעפּעלע!

—וואָס וועסטו לייגן אין טעפּעלע?

—גענזעלעך!

—וואו וועסטו נעמען?

—ביים גלח!

—דער גלח וועט ניט געבן!

(וואַר.—איך וועל אויסזאָגן!..)

—דאַן נעם איך ביי דיר!

—נעם!.. (וואַר.—קענסטו מעגסטו!)

דער דיאַלאָג קומט פאָר צווישן צוויי קינדער, איינער האַלט הינטער זיך „גענזעלעך" (די קינדער, וואָס האַלטן זיך איינער הינטער דעם אַנדערן), דער צווייטער גראָבט אַ גריבעלע.

נאכן דיאלאג גיט זיך דער צווייטער
א לאז און פרובט כאפן מיט גוואלד
די „געגזעלעך“. וועלכע גענזעלע ער
כאפט אן, די גייט אריבער צו אים.

10*

— יינגעלע, וואו שטייסטו?
— אויף א באנק
— יינגעלע, וואס טרינקסטו?
— א זיס געטראנק
— יינגעלע, וואס עסטו?
— א בייגעלע.
— יינגעלע, טא כאפ זשע
— א פייגעלע!

11**

— וואו שטייסטו?
— אויף א טון
— וואס איז אין טון?
— עפעלעך
— וואסטו פארלאָרן?
— אן עפעלע
— אויף וועלכער גאס?
— אויף דייטשישע
— גיי זוך.

12**

— א שעפסעלע פארקויפן.
— ווי טייער?
— א דרייער
— ווי דער מקח?
— א שטיקל לעקעך
— ווי שאָך?
— א פאטש
— א נוס?
— א קוש.

13*

שעפסעלעך.

פון דער גאנצער גרופע קינדער, וואס נעמען אן אנטייל אין שפיל, טיילט מען אויס דורך א ציילעניש דרייען: א באלעבאָס, א שומר און א גנב.

דער גנב ליגט באהאלטן.

דער באלעבאָס דארף אוועקגיין.

פארן אוועקגיין ציילט ער אויס די שעפסעלעך און גיט זיי איבער דעם שומר:

א, ב, ג . . . . א. אז. וו.

14**

טיונטאָלער,
אך, געשווינטער,
אך, מיין קינד,
צי ביסטו בלינד,
צי ווייסט ניט אוואו
דער טאָלער ליגט?
קאָץ, קאָץ, קום עסן קאלטע לאָקשן.

15*

די שפיל פון שטאָק.

די שפיל פון שטאָק איז זייער שיין, ווער נאָר איר פארשטייט . . .
. . . .

16**

— הקי״ב איז באקאנט
אויף וועמעס האנט האלט איך?
— אויף רחלס
— ניין, ניין, אויף חנהלעס האנט.
הקי״ב איז באקאנט,

אויף וועמעס האנט האלט איך?
— אויף יענקעלעס
— יע, יע אויף יענקעלעס האנט.

17**

(שפיל אויף די פינגער).
ראטאי ראטאי
באלדאמאי,
אין וועמעס האנט פאלט אריין
ראטאי.

18**

(ביים שפילן אין צייכן)
קיץ,
פריץ,
פאל חלק
אדער קער.

19**

סאראקע וואראנע
פיפע קאשא ווארילא,
נא פריפעטשיק שטודילא,
דעטיי קארמילא.
טעמו דאלא (4 מאל)
מאלענקאמו ניע דאלא,
טי כאל,
טי קרופי ניע דראל,
טי דראווא ניע שולקאל,
טי וואדי ניע נאסיל,
טוט פיען,
טוט קאלאדא,
טוט גראניצא,
טוט כאלאדניקא וואדיצא.

20*

סאראקא ווארא[נא]
קאשקע ווארילא,
נא פריפעטשאק נאסטאווילא,
טעמו דאלא, טעמו דאלא,
אי זא סעבע נע דאסטאלא
כאדזי באבא זא יאיצא
אי נאלאזלא פטיצא,
דיק, דיק, דיק!

ווער. ל. ב—ן 23 „פנקס" מערעטש 1913.

21**

טא איין קאפ,
טא צוויי קאפ,
טא דריי קאפ,
טא פיר קאפ,
טא פינף קאפ,
טא זעקס קאפ,
טא זיבן קאפ,
טא אכט קאפ,
טא ניין קאפ,
טא צען קאפ,
טא עלף קאפ,
טא צוועלף קאפ,
טא דרייצן קאפ,
טא פערדישע קאפ.

22

דערציילן דיר א מעשה מיט א ווייסן אקס?
— יע
— איך זאג יע, דו זאגסט יע און אלע זאגן יע.
— דערציילן דיר א מעשה מיט א ווייסן אקס?
— ניין.
— איך זאג ניין, דו זאגסט ניין,

און אלע זאָגן ניין.
— דערציילן דיר א מעשה מיט
א ווייסן אָקס?
א. אז. וו.

ב) ציילעניש.

1*

(די נעמען פון די פינף פינגער).
גוי,
פלוי,
מיטלמעסער,
האָניקפרעסער,
זוציקל—
אין הימל אריין!

2*

איינס, צוויי,
דריי, פיר,
פינף, זעקס,
זיבן, אכט,
ניין, צען,
עלף, צוועלף,
גאָט העלף.

3*

איינס, צוויי, דריי
לודא, לודא, לי,
ענעס, בענעס,
העגטלעך, פענעס,
גאָפל, מעסער,
עמער, פעסער,
ס'ליד איז אויס,
איינער גייט ארויס.

„פריינד" נום. 99 וו. זעניעס
„מאָטעלעס ל"ג בעומר".

4*

איינס, צוויי—
פּאָליציי,
דריי, פיר—
אָפיציר.
פינף, זעקס—
אלטע עקס,
זיבן, אַכט—
א גוטע נאכט.
ניין, צען—
שלאָפן קען.
עלף, צוועלף—
שלאָף מיט וועלף,
דרייצן, פערצן—
בלויע סערצן (?)

וואר.—„פנקס" ל. ב—ן—27.

5**

איינס, צוויי, דריי, פיר
ביי דעם מלך אין טיר,
ביי דעם גאָלדשמיד אין פענסטער
שטייען א פּאָר טויבן,
אין די רויטע (ווייסע) הויבן
פענדאָם לויפן זיי,
פּאָסט פּאַפּיר קויפן זיי,
בריוועלעך שרייבן זיי,
שוועבעלעך רייבן זיי,
ליכטעלעך צינדן זיי,
אין חלשות בלייבן זיי.

6**

איינס, צוויי, דריי
אָדער לידער ליי,
אָקום באָקום,
בענדזשיק לאָקום,
ציגעלע, מיגעלע פוקס.

אברעמל האָט געהאט דריי ווייבער,
איינע פעשע,
די אנדערע גנעשע,
די דריטע חנה,
געמאָלטע פאנע,
לאָקשן ברעט,
חלה קנעט,
מיידל ציר,
חופה פיר,
אור, אור, אור,
סקאָצל קומט
די שנור,
שפיגלען ארום וואנט,
די שוויגער געבליבן אָן א האנט.

7**

איין קאָטלער באָטלער האָט געהאט 12 קעסטלעך צו באשלאָגן,
האָט ער ניט געוואוסט וויפיל נעגל אריינצושלאָגן,
האָט ער געציילט ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ניט פיר, ניט פינף, ניט זעקס, ניט זיבן, ניט אכט, ניט ניין, ניט צען, ניט עלף, ניט צוועלף, האָט ער באגעגנט א פאָר וועלף, האָט ער געפרעגט ווי פרי איז דער זייגער? האָבן זיי אים געזאָגט—„פונקט האלב צוועלף״.

8*

ען, דען, די,
א שאוועלע קאָטי,
א שאוועלע, קאָטי, קאָטא,
איילע, ביילע, באם.

9**

ען, דע, טרוא, קאָטער.

מאָרמאָזעל איוויד די וואָטער,
מאָרמאָזעל איוויד די וואו
איין האָז ביסטו.

(ווילנע)

10

איינדל, ביינדל,
שטופא, ציינדל,
אָשער, באָשער,
גאָלע, שווארצע,
ווער דיין חתע,
גיי אָן ערשטע טאנצן.

11*

עגידע, פעגידע,
צוגידע, מע,
אָבול, פראָבול,
דאָמינע איקע,
איקע, פיקע,
גראמאטיקע,
איינס, קליינס,
זיין ס׳טו.

12*

איך בין אין גאָרטן געגאנגען,
וויפיל טויבן האָב איך געפאנגען?
ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי. (
. . . .
ניט צוועלף, ניט דרייצן.
דו גיי קלייב בייטשן,
דו גיי קלייב קאָרן,
דו זיי אויף לאנגע יאָרן!
(ווארי.—דו ביי אין אָלע שווארציאָרן).

13**

שפאן איין, שפאן איין,
די פערד אין וואָגן,

שוין צייט שוין צייט
די מתנות טראָגן.
— ביילע, ביילע,
גרייט צום טיש,
— וואָס וועלן מיר עסן?
— הון מיט פיש.
— וואָס וועלן מיר טרינקען?
— מעד און וויין,
וועלן מיר אַלע בעזונט זיין.
גייט די כלה
צאַפּן ביר,
פאַלט זי אַרונטער
אונטערן טיר,
פרעגט דער חתן
וואָס איז דיר,
ענטפערט זי,
אַ ריך אין דיר.

א. לאַוואַרישעק
ווילנע 1920.

14*

דאָרטן, דאָרטן,
ביי המנען אין גאָרטן
זיצט מיין ברודער
און שפּילט אין קאָרטן.
איינס, צוויי, דריי,
אָדער לידער ליי,
אָקן, פּאָקן,
ביידע גלאָקן.
צירל, פּערל,
יוקס אַרויס,
קומט די פויגל,
גיט אַ פּיק,
לויפט אַוועק
אין יאַנישיק.

ווער.—„פּנקס“ ל. ב—ן 19.

15*

והוא רחום יכפר עון
ולא ישחית והרבה להשיב אפו
ולא יעיר כל חמתו.
אַבקע דאַ ריבקאַ,
יאָסקע דאַ פּיפּקאַ,
סענדער קאָמענדער,
פּוקס אַרויס.

ווער. „פּנקס“ 14.

16*

שטייען מלאכים אונטער די בערג,
זעען זיי הימל און ערד.
הימל און ערד ניט אויפצוהייבן,
האַלט די תורה גאַנץ דערהייבן
לאָמיר ריידן (לויבן?) נאָך אַמאָל:
שם אלהי איז אונזער גאָט,
אויפן הימל פייער פיל,
יעדער מלאך מיט זיין שפּיל,
שפּילן, טאַנצן, לויבן גאָט,
גאָט האָט פאַרבאָטן אַ שיינעם געבאָט.

ווער.—

17**

שטייען די ישראל אונטער די בערג:
זעען זיי הימל און ערד,
אויפן הימל פייער פיל,
יעדער מלאך האָט זיין שפּיל,
שפּילן, טאַנצן, לויבן גאָט,
גאָט ט׳געבאָטן צען געבאָט,
נשמת כל חי איז זייער פיין,
די הייליקע תורה מקבל זיין.

18*

חיים, חיים, הער און זע—
קומט די ציגעלע מאַכט מע

קומט דער זיידע רויכערט ליולקעס,
קומט די באָבע באַקט בולקעס,
קומט דער האָן טוט א קריי.
קומט די הון—לייגט אַן איי.
איינס, צוויי, דריי,
דו ביסט פריי.

19**

אמאָל בין איך געפאָרן
אויף ניט הי,
האָב איך געקויפט
א פּאָר קי,
ווער האָט געמאָלקן?
איך און ער,
שוויגער און שווער
יענקל דער הויכער, פידל קאַץ,
פידל מויז
פריי ביסטו אַרויס.

יצחק רובינשטיין
ווילנע.

20

פישעלעך אין וואַסער מערן זיך,
פאַלשע צינגער שווערן זיך,
אַז מע וויל עסן, עסט מען ברויט,
אַז מע שטאַרבט, איז מען טויט.
אַז מע וויל טרינקען, טרינקט מען
ביר
שיינע מיידעלע (יינגעלע) קום צו מיר.

א. בולקין.

21*

אונע, דונע,
קוויצע, צונע,
פאָרט א וואָגן
נאָכצויאָגן,
פליט א פויגל.

כאַפּט אַרויס
די גרעסטע בעסטע
שטיק פיש.

ג) צונעמענישן, שפּאַס און שפּאָט=לידער.

1*

א יוקס,
א פוקס
אויף אַלעמאָל!
דיר דעם חזיר,
מיר דעם טייגעכץ.

ווען קינדער צוקריגן זיך.

2*

בערעלע בו,
כאַפּ די קו;
נעם א ליילעך,
דעק זיך צו.

3*

לייבע באָמבע,
קישקע טראָמבע,
אַצע באַצע,
געפּגרטע קליאַטשע,
אויבן אָן שטייט א האָן,
אין ווייסע לאַפּטשעס אָנגעטאָן.

4**

עוזר,
בייזער
הינטעלע,
גיי שטעל זיך
אין א ווינקעלע.

5****
ליו ליו ליו, שמואלעליו,
דיין טאטן רופט מען שלמה,
ביסטו א בהמה,
דיין מוטער רופט מען מלכה,
ביסטו א ליאלקע.

6*
היי, היי,
יאַסקע דריי,
פארפל צימעס
אַן אַן איי.

7*
אַנדריי, אַנדריי,
לייג אַן איי,
היינט איינע,
מאָרגן צווי.

(ווילנע)

8**
צפורה, צפורה,
האָב ניט מורא,
נאַ דיר געלט
גיב מיר סחורה.

(ווילנע)

9**
איטשע, פיטשע
גאָדל פרעסער,
גנבע א מעסער
שנייד דעם בויך
עס חזרשע*) יויך.

*) נ. א. ציגענע.
וואר. כהן.

10*
א גנב איז יאַסעלע,
געשמיסן אים אין טאַסעלע,
געשמיסן מיט א ריטעלע,
אויפן גנב ברענט די היטעלע.

11*
ליאַווקע קאַפּאַווקע,
צירע בירע וואַווקע,
גיי אין קראָם,
כאַפּ א פלעשל,
גיי אין קלויז,
כאַפּ א מויז.
צוקיי, צוקיי,
און ווארף ארויס!

12*
איינדל,
ביינדל,
צוקער שטייגדל,
אַקער,
באַקער,
טייוולשער ק...
אונק,
בונק,
שטונק.

מערעטש 1913.

13**
ריווע פיווע,
קאַזשע נאַטע,
קומט דער טאַטע,
לייגט א לאַטע,
קומט די מאַמע,
רייסט אָפּ,
קומט דער טאַטע,
שמייסט אָפּ.

14**
יענקל מיינער,

שווארצער ציגיינער,
וואו ביסטו געווען?
— אין א קליין שטעטל.
— וואָסטו געבראַכט?
— א טאָפּ לאָקשן.
— וועמען האָסטו געגעבן?
— דער מאַמען.
— וואָס האָט זי געזאָגט?
— גוט.
— וואָסטו געזאָגט?
— שלעכט.
— וואָס האָט זי געזאָגט?
— גיי צום טייוול!
— וואָס האָסטו געזאָגט?
— גיי אליין. (ווילנע)

וואר.— 15**
יענקעלע מיינער,
שווארצער ציגיינער!
וואו ביסטו געווען?
— אין א קליין שטעטל
— וואָסטו געהאנדלט?
— מילך א פלעשל.
— האָסטו געבראַכט אין שטוב?
— יע.
— געוויזן דער מאַמען?
— געוויזן.
— וואָס ט'זי געזאָגט?
— גוט.
— וואָסטו געזאָגט?
— שלעכט.

וואר.— 16**
יענקעלע מיינער,
שווארצער ציגייגער,
וואו ביסטו געוועזן?
— אונטער א פוטער!
— וואָס האָסטו געגעסן?
— חלה מיט פוטער.

וואר.—כהן.

וואר.— 17**
יענקעלע פּאַנקעלע,
ציגענע קאָפּ,
בלייענע אויגן,
אריבערגעפלויגן.

וואר.— 18**
יעקעלע מיינער,
שווארצער ציגיינער,
קריך אויף די ברעטער,
קוש דעם אלטן פעטער.

וואר.—כהן 52.

19**
צפורה איז מיינע,
— וואו האָסטו איר גענומען?
— אונטער די לאָדן.
— וואָסטו איר געגעבן עסן?
— בייגל מיט פלאָדן.

20**
שרהלע איז מיינע,
וואו האָסטו איר גענומען?
אונטער א פוטער.
— וואָסטו איר געגעבן עסן?
— בייגל מיט פוטער.
— וואָסטו איר געגעבן טרינקען?
— מעד מיט וויין.
— א געזונט אין דיר אריין!

21**
ענדע, קאָמענדע,

באָליע נע מענדע,
פון מיר צו דיר
בערל די קאַץ.
(אָסיפּאָוויטש, מינסקער גוב.)

22**

צווי קאַטשקעלעך גייען זיך באָדן,
גייען זיי א ביסעלע ווייטער,
באַגעגנט זיי א רייטער.
דער רייטער וויל זיי שלאָגן,
גייען זיי צום פּריץ קלאָגן,
דער פּריץ האָט א הינטעלע,
וואָס שפּילט זיך אויפן ווינטעלע.
אַלע מענטשן פאַסטן,
משהלע ליגט אין קאַסטן.
ווילנע 1920.

23**

האַמער, האַמער, קלאַפּ אין שול,
גרויסע מיידלעך גייען אין שול,
קליינע קינדער פאַסטן,
שמעון ליגט אין קאַסטן,
הוי הוי הוי,
שמעון איז א גוי,
האָץ, האָץ, האָץ,
שמעון איז א קלאָץ.
(ווילנע)

24*

שלום עליכם,—א קרומער ייד!
די לינקע פוס האָט ער אָפּגעבריט.
איין פוס איז אוועקגעשוואומען,
און אַן אַנדער פוס איז צוגעקומען.
(ווילנע 1919)

25****

— שלום עליכם, א ייד,
פון וואַנען איז א ייד?
— פון פּערעוואָד.
— וואָס טוט מען דאָרט?
— מע טרינקט בראַנפן,
און מע הוליעט,
און מע טאַנצט א קאַראַהאָד

26**

— פון וואַנען זייט איר, ר׳ ייד?
— פון לוקאָווניע, נו.
— וואָס פאַרקויפט איר?
— אוגערקעס.
— ווי טייער א צענדליק?
— א גילדן.
— פאַרוואָס אַזוי טייער?
— ווי איר ווילט זיך.
(ווילנע)

27*

קוקורעקו, האָן,
וואָס וועט די באָבע טאָן?
האָלץ האַקן,
בולקעס באַקן,
קישקעס קאָכן.
ווער וועט עסן?
איך און ער,
שוויגער און שווער.
זלמן דער הויכער,
וועלוול דער סוחר.
חייקע די מאַטקע
זי בעקראָכן איבער א קלאָדקע,
ט׳געכאַפּט א באַראַנקע,
געוואָרן א ציגאַנקע.

28**

איך און ער,
שוויגער און שווער,
צוויי צווילינגס,
דריי דריילינגס,

און דעם קליינעם קינד,
וואָס איך האַלט אויפן האַנט.

29***

אלה תולדות נח,
פון בראַנפן האָט מען כוח.
אַ גלעזעלע ווײַן דער עיקר,
פון בראַנפן ווערט מען שיכור.
אַ שיכור איז לויט,
פון בראַנפן ווערט מען רויט.
אַ גלעזעלע לחיים,
לשנה הבאה בירושלים.

י. ברוידעס.

וואר.—ג. מ. וואר.—כהן I. 78.

30*

איכה ישבה בדד העיר,
בין איך געפאָרן אין וואַלקעמיר,
האָב איך באַגעגנט אַן אָפיציר,
האָט ער געהעטן ביי מיר ביר,
האָב איך אים געזאָגט: אַ ריח אין דיר!
האָט ער מיר אַריינגעזעצט אין אַרע-
סטאַנטסקע ראָטע,
האָב איך אים געמאַכט אַש און
בלאָטע.

31**

אַ הון בין איך,
אייער לייג איך,
באָרוועס גיי איך,
גיט מיר אַ פּאָר כאָדאַקעס,
גיט מיר אַ פּאָר כאָדאַקעס.
(ווילנע)

32**

יאַ סאָלדאַט,
טי סאָלדאַט,
יאַ פּאָלקאָווניק.
טי דוראַק,
סערעלע,
מערעלע,
וואָט כאַראָשאָ.

33***

דיר איז הייס,
טאָ עס פלייש,
דיר איז קאַלט,
טאָ גיי אין וואַלד.
דיר איז וואַרים
טאָ מאַך אַ ליאַרים.

34**

שבת גויע,
לאַדאַנאָיע,
אינדערוואָכן
קישקעס קאָכן,
שבת—פלייש.
(ווילנע)

35**

— קום עסן, קום עסן!
— גיי אליין, גיי אליין!
— איי, איך וויל ניט, איי, איך וויל
ניט.
— קום שוין ניכער, קום שוין ניכער,
— ווער עס האָט געגעסן געבראָ-
טענע לאַטקעס מיט יויך,
יענעם זאָל ווײ טאָן דער בויך.

36*

קישקעס קאָכן
אין דער וואָכן.
מיר אַ ברויט,
דיר אַ טויט.
מיר אַ וואָגן,
דיך באַגראָבן,

מיר א שליטן,
דיר באשיטן.

ש. ע. „די גרויסע בהלה אין פתרילעווקע".

37**

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף,
זעקס, זיבן, אכט, ניין, צען,
אלע יידן זאָלן זען,
אלע גוים אין די גריבער,
אלע יידן אין די שטיבער.
א וואָגן נאָך א וואָגן
מע זאָל זיי באגראָבן,
א שליטן נאָך א שליטן,
מע זאָל זיי פארשיטן,
אלע גוים אין די גריבער,
אלע יידן אין די שטיבער.

וואר. פון די ערשטע צוויי שורות:
„הייגט איינער, מאָרגן צען".
(ווילנע)

38*

היינט איינער,
מאָרגן צען,
אלע יידן
זאָלן זען.

39*

א וואָגן נאָך א וואָגן
זאָלן אים באגראָבן,
א שליטן נאָך א שליטן
זאָלן אים פארשיטן.

40*

סטאסינקע, מיין קינד,
ווערן זאָלסטו בלינד.
בלינד זאָלסטו ווערן,
א מכה דיר אין שטערן,
אין שטערן דיר א מכה,
עסן זאָלסטו פלאַקע,
פלאַקע זאָלסטו עסן,
גאָט זאָל אָן דיר פארגעסן,
פארגעסן זאָל אָן דיר גאָט,
ברענגען זאָל מען דיר אין שטאָט,
אין שטאָט זאָל מען דיר ברענגען,
אויף א תליה זאָל מען דיר הענגען,
הענגען זאָל מען דיר אויף א תליה,
אריינווארפן זאָל מען דיר אין ווילִיע,
אין ווילִיע זאָל מען דיר אריינווארפן,
משקע*) פומפיאנער זאָל דיר באדארפן.

*) משקע פומפיאנער—אן אמאָליקער באוואוסטער ווילנער קברן.

41*

יאָסקע פאנדרע ליגן אפן באנק,
אז מע שמייסט אים, זאָגט ער א דאנק.
יאָסקע פאנדרע ליגט אין שניי,
אז מע שמייסט אים, טוט אים וויי.
יאָסקע פאנדרע ליגט אין בלאָטע,
אז מע שמייסט אים, האָט ער חרטה.
יאָסקע פאנדרע ליגט לעבן טיר,
אז מע עפנט, טרינקט ער ביר.
יאָסקע פאנדרע ליגט אויפן גאס,
אז מע שלאָגט אים, שלאָגט מען אים מיט א קאלאש.
יאָסקע פאנדרע איז א גוי,
אז מע שמייסט אים, שרייט ער „אוי".

42**

בובע, בובע, לייזעלע,
אין קראָקע שטייט א הייזעלע.
זיצן דריי פאנעס.
איינע שפיגט גאָלד,

חנהלען האָב איך האָלט.
די אנדערע שפּינט זילבער,
רחלען האָב איך נאָך ליבער.
איינע שפּינט זייד,
שרהן האָב איך פיינט.
(ווילנע)

43*

בּובּע, בּובּע, לייזעלע,
קום צו מיר אין הייזעלע,
— ווער וועט דאָרטן וואוינען?
— יאָשקע מיט מארײנען,
יאָשע, יאָשע, קום אריין,
איך וועל דיר מכבד זיין,
מיט א גלאָז מעד און וויין.
ש. ש.

וואר. פּנקס ל. בּ—ן 49.

44*

זיי געזונט, פּעטער שלום,
די וועלט איז א חלום,
א חלום איז די וועלט,
די וועלט שטייט אויף געלט,
פאר געלט קויפט מען ביר,
וואָס דריי איז ניט פיר,
וואָס פיר איז ניט דריי,
וואָס אלט איז ניט ניי,
וואָס ניי איז ניט אלט,
וואָס ווארים איז ניט קאלט,
וואָס קאלט איז ניט ווארים.
וואָס רייך איז ניט אָרים,
וואָס אָרים איז ניט רייך,
וואָס קרום איז ניט גלייך,
וואָס גלייך איז ניט קרום,
א פויער איז ניט פרום,
ניט פרום איז א פויער,
וואָס זיס איז ניט זויער,
וואָס זויער איז ניט זיס,
וואָס הענט איז ניט פיס,
וואָס פיס איז ניט הענט,
צום זיצן אָנגעלענט,
אָנגעלענט צום זיצן,
א לייבּ איז צום שוויצן,
צום שוויצן איז א לייבּ,
א מאַן איז ניט קיין ווייבּ,
א ווייבּ איז ניט קיין מאַן,
א טאָפּ איז ניט קיין פאַן,
א פאַן איז ניט קיין טאָפּ,
קימל איז ניט קיין קראָפּ,
קראָפּ איז ניט קיין קימל,
די ערד איז ניט קיין הימל,
דער הימל איז ניט קיין ערד,
א ביקס איז ניט קיין שווערד,
א שווערד איז ניט קיין ביקס,
א פוטער איז ניט קיין פיקס,
א פיקס איז ניט קיין פוטער,
שמאלץ איז ניט קיין פוטער,
פוטער איז ניט קיין שמאלץ,
א מצה איז אָן זאלץ,
אָן זאלץ איז א מצה,
א פערד איז ניט קיין קליאַטשע,
א קליאַטשע איז ניט קיין פערד,
א פויער ליגט אין דר'ערד.

וואר. ג. מ. נומ. 124.

45*

לייזער בּייזער הינטעלע,
זעצט זיך אין א ווינקעלע,
אז מען גיט אים א בּאבקע,
בּייסט ער אָפּ די לאַפּקע,
אז מען גיט אים בּרויט,
מאכט ער דעם טויט.

ד) פאַרשיידענע קינדער־לידלעך.

1*

אם,
באם,
גאַרגעלע—
האם!

ווען מ׳ביט א קינד טרינקען.

2*

ווּעסטו ליגן ביים וואנט,
ווּעסטו האָבן א גילדערנע האנט.
ווּעסטו ליגן ביים ברעג,
ווּעסטו האָבן א גילדערנעם וועג,
ווּעסטו ליגן אין מיטן,
ווּעסטו האָבן א גילדערנעם שליטן.

3**

וואר.

ביים וואנט—
אין גאָטס האנט.
אין מיטן—
אין גאָטס שליטן,
ביים ברעג—
אין גאָטס וועג.

4

ביים שלום ווערן.

ווען צוויי קינדער צוקריגן זיך און ווילן ווערן צוריק שלום, נעמען זיי זיך פאר די קליינע פינגער און איינער זאָגט: „חבר לאווער, וואָסווילסטו בלוט צי העכט?" אויב יענער זאָגט העכט,—זייַנען זיי ביידע שלעכט. אָבער, אויב יענער זאָגט בלוט,—זייַנען זיי ביידע גוט.

5*

משה רבינוס קיעלע,
ווען וועט זיין א רעגן,
זונטאָג צי מאָנטאָג,
דינסטאָג צי מיטוואָך,
דאָנערשטאָג, צי פרייטאָג,
צי שבת?

6*

וואר.

משה רבינוס קיעלע,
וואָס וועט מאָרגן זיין,
א רעגן צי א שניי,
א גוטער טאָג צי א שלעכטער?

7*

בוטשאן, בוטשאן,
דיין שטוב ברענט!

אזוי שרייען קינדער, ווען זיי דעריזען א בוטשאן.

8**

— אברעמעלע, מיין זון, וואו ביסטו געווען?
— אויף יענער וועלט.
— וואָס האָסטו געטאָן אויף יענער וועלט?
— איך האָב געפונען א זעקעלע געלט.
— וואָס האָסטו געטאָן מיטן זעקעלע געלט?
— איך האָב געקויפט א בהמהלע.
— וואָס האָסטו געטאָן מיט דער בהמהלע?
— איך האָב געמאָלקן מילכעלע.
— וואָס האָסטו געטאָן מיט די מילכעלע?

— כ׳האָב געשלאָגן פּוטערל.
— האק פּוטער, שלאָג פּוטער,
— האק פּוטער, שלאָג פּוטער.
(אָסיפּאָוויטש, מינסקער גוב.)

**9

הארצעניו קרוינעניו,
לאָז מיך לעבן,
קיעלע מילכעלע
וועט מיר געבן,
קעצעלע איר פּעלכעלע
וועט מיר געבן,
פּעלכעלע גארבערל
וועל איך געבן,
גארבערל, לעדערל,
וועט מיר געבן
שוסטערל לעדערל
וועל איך געבן,
שוסטערל שיכעלעך
וועט מיר געבן.
פון שיכעלעך וועל איך
מאכן א קראָם גלייך,
און וועל ווערן
ווי מלך סאבעצקעס יאָרן רייך.

א. לאַוואָרישעק
ווילנע.

**10

מיכעלע, מיכעלע,
פּאַטש א קיכעלע,
ער וועט זיין א יינגעלע,
וועט מען נייען שיכעלעך,
אין חדרל לויפן,
לויפן אין חדר,
לערן כסדר,
א פּאָר שורות,
א פּאָר מעלות,
צו דער חופה וועט ער פּסקענען שאלות,
דרשות וועט ער דרשענען,
די ס׳קינד איז ווערט
א פולע געלט.
און מזל-ברכה,
די ס׳קינד קומט ארויס
פון א שיינער משפּחה,
ערלעכע לייט.
א חתונה אָפּגעשטעלט
אויף א קורצער צייט.
א קורצע צייט
טוט מען געדענקען,
שיינע מתנות
טוט מען שענקען.
שיינע מתנות,
שיינע קליידער,
גאָר די זאַך
גייט כסדר. (ווילנע)

*11

דריי ראָזן אין גאָרטן,
פיר בלומען אין וואלד,
דער זומער איז לעפלעך,
דער ווינטער איז קאַלט.
קאָרן געזייט,
גערשטן געשפּרייט,
א הערר מיט א דאמע
אויסגעדרייט.

*12

דער אַלף=בית.

I.

א.—אַן אָדלער.
ב.—א בוים.
ג.—א גלח.
דער אָדלער טוט אין דערהייך פליען,
דער בוים טוט זומער בליען,

און דער גלח צו עבודה-זרה קניען.

II.

ד.—א דאָקטער.

ה.—א הימל.

ו.—א ווייגער.

דער דאָקטער גיט רפואות צו שוויצן,
און פון הימל טוט דונערן און בליצן,
און ביי א ווייגער טוט דער שטערן
שוויצן.

III.

ז.—א זעלנער.

ח.—א חזן.

ט.—א טייך.

דער זעלנער טוט אין דערהויך שיסן,
און דער חזן אין טרוים טרערן פארגיסן,
און אין א טייך איז פארשיידענע פישן.

IV.

י.—א יאַטקע.

כ.—א כאדקע. *)

ל.—א לאָפּאַטקע.

אין א יאַטקע טוט מען פלייש האקן,
און אין א כאדקע אייער פארפאקן,
און אויף א לאָפּאַטקע טוט מען ברויט
באקן.

V.

מ.—א מיידל.

נ.—א נאָז.

ס.—א ספר.

די מיידל טוט זומער שפּאַצירן,
און ווינטער דעם נאָז אָפּפרירן,
און אין א ספר איז פארשיידענע
פּאפּירן.

ש. ביילים.

וואר. כהן 72 פּ. I.

*) כאדקע—кадка

13*** וואר.

אן אָדלער טוט הויך פליען,
א בוים טוט אלע זומער בליען,
א גלח טוט ביי דער עבודה-זרה קניען,
א זעלנער טוט אין דער מלחמה גיין,
א חזן טוט ביים עמוד שטיין,
א טייך טוט אלעמאָל גיין.

14**

קליפּ קלאַפּ אין גאָלדן טיר,
— ווער איז דאָ?
— דעם מלכס קנעכט.
— קליפּ-קלאַפּ, עפן אויף,
סיי דו שלאָפסט, סיי ניט.
— שלאָפן שלאָף איך ניט
און עפענען וועל איך אויך ניט.
— וואוהין זשע זאָל איך רייטן,
אז מע שלאָפט ביי אלע לייטן?
א רעגן גייט, וועל איך איינגעצן
מיין זיידן קלייד.
— קער אויס דיין זיידן קלייד אויפן
לינקן זייט,
און לייג זיך אויף די ברעזעלעך,
דער בלאַט פון בוים וועט דיך
צודעקן,
דער שיין פון טאָג וועט דיך
אויפוועקן.

וואר. ג. מ. 136.
וואר. כהן.

15**

ציפּ צאַפּ עמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
איך וועל דיר עפּעס ווייזן,
א שיסעלע פון אייזן,

א טעפּעלע פון לויטער גאָלד,
חתן כּלה זייער האָלט.
די רעדעלע דרייט זיך,
חתן כּלה פרייט זיך,
די רעדעלע צוגעמאַכט,
חתן כּלה א גוטע נאַכט,
רעדעלע אָפּן,
חתן כּלה שלאָפן.

וואר. כּהן ב. II.

16**

היי היי העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
איך וועל דיר עפּעס ווייזן,
שיסעלעך מיט רייזן,
שיסעלעך מיט לויטער גאָלד,
חתן כּלה האָבן זיך האָלט.

וואר. כּהן II.

17**

ווייסטו מאַמע, ווייסטו וואָס,
וואָס דער טאַטע האָט צוטאָן?
האָט צוקוילעט אַלע הענער
און געלאָזן דעם אַלטן (געלן, ווייסן א. א.) האָן.
(אָסיפּאָוויטש, מינסקער גוב.)

וואר. ג. מ. 107.

18**

קיקוריקו האָן,
וואָס וועט די באָבע טאָן?
האָלץ האַקן,
בולקעס באַקן,
קישקעס קאָכן,
אינדערוואָכן,
שבת פלייש.

19**

הוטעא, הוטעא,
(היידא דא היידא דא)
פאָר אין מארק
געפין א קאָפּיקע,
קויף א בייגעלע,
דעם טאַטן א שטיקעלע,
דער מאַמען א שטיקעלע,
און דיר צו לאַנגע יאָר,
א גרויסע שטיק!

ווילנע.

20*

— איך, איך!
— גיי אויפן קיך,
פאַרברען די שיך!

21

א יינגל איז געפאָרן
אויף א פערד
און האָט געריסן זיין עק,
איז די מעשה אוועק.

22**

אמאָל האָט א מיידעלע פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. מיט אמאָל האָט זי דערזען א גזלן. האָט דער גזלן זי געוואָלט הרגענען, האָט די מיידל אים געזאָגט:

לאָז מיך אויסשרייען דרייצן געשרייען און דערנאָך וועסטו מיר הרגענען.

דעם ערשטן געשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן טאַטן רוף איך דאָך,
העלף מיר, טאַטע, אין מיינע נויטן,
אז דער גזלן וויל מיך טויטן.

דער ליבער מאמען,
דעם ליבן ברודער,
דער ליבער שוועסטער,
דעם ליבן פעטער,
דער ליבער מומען,
דעם ליבן זיידן,
דער ליבער באָבן,
דעם ליבן שכן,
דער ליבער שכנטע,
דעם ליבן חבר,
דער ליבער חברטע,
דעם דרייצנסטן בעשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן גאָט רוף איך דאָך.
העלף מיר גאָט אין מיינע נויטן,
אז דער גזלן וויל מיך טויטן.
איז פון הימל אראָפּגעפאַלן א פייער
און פארברענט דעם גזלן.

23**

איך האָב זיך בארעכנט זונטאָג,
אז איך וועל איינפּאקן מאָנטאָג,
און ארויספאָרן דינסטאָג,
האָב איך זיך מיישב געווען מיטוואָך,
אז איך וועל ארויספאָרן דאָנערשטאָג
איז פרייטאָג ערב שבת.
ווילנע.

24**

אמאָל איז געווען א ישובניקל, א ישובניקל,
האָט ער געהייסן רב אליעזרל, ר׳ אליעזרל,
האָט ער געהאַט צען טעכטער, צען טעכטער,
די ערשטע האָט געהייסן אלטעלע,
די צווייטע " " ביילעלע,
די דריטע " " גאָלדעלע,
טימדי—דע—ראָלע גאָלדעלע.
. . . .
די פערטע האָט געהייסן דאָבעלע,
די פינפטע " " הענעלע,
די זעקסטע " " וויכנעלע,
טימדי—דע—ראָלע וויכנעלע.
. . . .
די זיבעטע האָט געהייסן זעלדעלע,
די אכטע " " חיהלע,
די ניינטע " " טייבעלע,
די צענטע " " יכבדל.
טימדי—דע—ראָלע יכבדל!
. . . .
אלטעלען נדן ארבעסלעך, —
ביילעלען " בעבעלעך,
גאָלדעלען " גאָגעלעך,
דאָבעלען " דגימלעך,
הענעלען " הערינגלעך,
וויכנעלען " ווימפּערלעך,
טימדי—דע—ראָלע ווימפּערלעך!
. . . .
זעלדעלען נדן זעמעלעך,
חיהלען " רינדעלעך,
טייבעלען " טייבעלעך,
יכבדלען " יאיכעלעך.
טימדי—דע—ראָלע יאיכעלעך!
. . . .
אלטעלען א מאַן אברהמעלע,
ביילעלען " ברוכל,
גאָלדעלען " גרשונדל,
טימדי—דע—ראָלע גרשונדל.
. . . .
דאָבעלען א מאַן דודל,
הענעלען " הענעכל,
וויכנעלען " וועלוועלע.
טימדי—דע—ראָלע וועלוועלע.
. . . .

זעלדעלען א מאן זעליקל,
חיהלען „ חיימל,
טייבעלען „ טעוועלע,
יכבדלען „ יאָסעלע.
טימדי—דע—ראָלע יאָסעלע.
. . . .

וואר. ג. מ. 133.

25

אמאָל איז געווען א הון מיט א האָן,
די מעשה הייבט זיך אָן.
אמאָל איז געווען א קו מיט א קאַלב—
די מעשה איז האלב.
אמאָל איז געווען א קאץ מיט א מויז—
די מעשה איז אויס.

וואר. כהן.

26

זעליק, זעליק, קער זיך אום,
נעם מיין טאָכטער פאר דיין זון.
שיסל, לעפל קען זי וואשן,
פון די טעפּ קען זי נאשן.
פון די פלעשער מאכט זי בעסער,
פון די קויפן טרינקט זי בראנפן.
פון די ליאַקעס
גיט זי קולאַקעס.

באמערקונג. קויפן איז דער טייטש הויפן.

27

— קוקורעקו, דער מלאך איז אוועק-
געפאָרן קיין פּאַמאַר.
— וואס האָט ער געבראַכט?
— א פלעשעלע ביר.
— וואו שטייט דאס?
— הינטערן טיר.
— ווער וועט דאָס טרינקען?
— איך מיט דיר.

וואר. ג. מ.—108, 109, 110, 111.

29

טאַנץ, טאַנץ, וועוועריקע,
מיר וועלן אלע זינגען.
ווארף אראָפּ דעם ניסעלע,
מיר וועלן אלע שפּרינגען.

30*

איינס—א ניסל,
צוויי—א פיסל,
דריי—מזומן,
פיר—געוואונען.

י. זאַוועלס.

III. לידער פון חדר און פון דער ישיבה.

1

אין חדר.

אז איך בין א קליין קינד געווען,
האָב איך זיך א פולע געשפּילט,
אז איך בין א קליין קינד געווען,
האָב איך זיך געפּליושקעט אין טייך.
געפּליושקעט, געפּליושקעט,
אהיים בין איך געקומען.
ווי דער טאַטע האָט מיר דערזען,
האָט ער מיר מיטן רימען מכבד געווען.
פרעג איך פארוואָס קומט דאָס מיר?
זאָגט ער, אז א ייִנגעלע מוז אין חדר גיין;

אין הדר,
אין חדר
פסדר גיי
און רייד ניט קיין ווארט!

סאָניע כץ.

2****

דער קלויזניק.

אַ שדוך האָט מען מיר גענומען ריידן,
האָב איך זיך געטאָן פון דער גמרא
אָפּשיידן.
דער שדכן מיטן שמש,
האָבן מיר ביי דער גמרא ניט גע-
לאָזן זיצן,
פון רבנים איז ער געקנאָטן,
תורה האָט זיך פון אים געשאָטן.

3

אַ ישיבה-ליד.

אַז אַך און אַז וויי צו אונזערע
יאָרן,
אַז מיר זיינען פּאַטראָנעס געוואָרן.
כאָר { למה לי חיים, חיים כזאת,
עני ואביון חשוב כמת.

בעסער צו עסן ברעקלעך ווי אַ האָן,
איידער צו האָבן דעם נאָמען פּאַטראָן.
כאָר . . .

גאָר די שטאָט טוען ברומען,
אַז די פּאַטראָנעס טוען אָנקומען.
כאָר . . .

דער גבאי טוט זאָגן: קליינער יונגאַטש,
און אַז ער האָט חשק גיט ער אַ פּאַטש.
כאָר . . .

הער אַ בארג איז דאָך זייער הויך,
אַז מע דערזעט דעם גבאי, ווערט
מען טויט און בלייך.
כאָר . . .

זיי געזונט, מיין ליבער פאָטער,
אַז אַ פּאָר אָוועק, ווערסטו דאָך
פון מיר פּטור.
כאָר . . .

חאָטש די באַלעבאָסטעטשקע טוט זאָגן—
עס, יינגעלע, ניט שעם זיך,
אָבער אין הארצן טראַכט זי—גאָר צום
לעבעלע ברויט ניט נעם זיך.
כאָר . . .

טייכן טרערן טוט זיך פון אונז גיסן,
אַז מיר דאַרפן זיצן ביי פרעמדע טישן.
כאָר . . .

יאָ, גאָט, ביסט גערעכט,
אָבער צו זיין אַ פּאַטראָן איז זייער
שלעכט.
כאָר . . .

ח. א. מאַטיקאַנסקי
איישישאָק, ווילנער גוב.

ווער. ג. מ. 315.

IV. ליבע-לידער.

1

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטעל דעם סאַמאָוואַר.
לאָמיר זיך איבערבעטן,
זיי-זשע ניט קיין נאַר.
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף מיר אַ פונט פּיסטאַשקעס,

לאָמיר זיך איבערבעטן,
שענק מיר דיינע לאַסקעס.
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף מיר אַ פּאָר מאַראַנצן,
לאָמיר זיך איבערבעטן,
וועלן מיר גיין טאַנצן.
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
אין הארצן ברענט אַ פייער!
לאָמיר זיך איבערבעטן,
ליבע איז דאָך טייער.
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן
איך וועל זיין דיין חתן
לאָמיר זיך איבערבעטן,
וועט זיין שמחה וששון.

2**

אין גאָרטן וואַקסט אַ מער,
אויפן מער—אַ צאַצקע.
קום אהער, מיין ליבער פריינד,
שפּיל מיר אַ קאַזאַצקע.
איך האָב דיר גערופן,
דו בינסט ניט געגאַנגען
איך האָב אַן אַנדערן,
דו ווער אויפגעהאַנגען.
איך אויף אַ שיף,
דו אויף אַ לאָדקע,
מיר די גוטס,
דיר (וואַר. צום סטראַזש) די טשעבאָטקע.

3*

אויפן באַרג און אויפן בריק...

אויפן באַרג און אויפן בריק,
צוויי געזעלן האָבן זיך אויפגערעדט
(2 מאָל).
קליפּ קלאַפּ אין גאָלדן טיר
— מיין זיס לעבן עפן מיר! (2 מאָל).

— שלאָפן, שלאָפן שלאָף איך ניט
עפענען וועל איך דיר אַוודאי ניט
(2 מאָל).
— דער ווינט ווייַנט, דער רעגן גייט,
איך וועל איינבעצן מיין זיידן קלייד
(2 מאָל).
— קער אום די זיידן קלייד אויפן
לינקן זייט
און לייג זיך שלאָפן אויפן גרינעם
גראָז (2 מאָל).
— ווער וועט מיר צודעקן
און ווער וועט מיר אויפוועקן?
— דער בלאַט פון בוים וועט דיר
צודעקן
דער שיין פון הימל וועט דיר אויפ-
וועקן.

וואַר. ג. מ. 136.

4*

אַז איך בין אַלט געוועזן 14 יאָר,
האָב איך פון קיין ליבע ניט געוואוסט,
און ווי איך בין אַלט געוואָרן 15 יאָר,
האָט צו מיר אַ בחור באַקומען לוסט.

ער האָט געזאָגט, אַז איך וועל אים
ליבן, וועט זיין זיין וועלט,
ער וועט מיר נעמען אָן איין קאָפּיקע
געלט.
מיינע עלטערן האָבן גאָרניט געטראַכט,
מע האָט זיי געזאָגט, אַז איך שפּיל
אַ ליבע,
האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט.
אוי, איך שפּיל אַ ליבע שוין באַלד
2 יאָר,
און אַ ענדע איז נאָך ניט גאָר.

יענע צייט איז געגאנגען פארביי,
יעצט האט זיך אנגעהויבן גאר פון דאס ניי.
מיינע צרות האבן מיר ארומגערינגלט,
אזוי ווי דער באנדער די פאס,
איך האב זיך געוואלט פארזיכערן
פון ווילנער שארלאטאנעס,
האב איך טאגוויין געפאסט.
שיין איז ער אזוי ווי געלד
פאר אלעמען זאגט ער, אז איך האב אים האלט,
און ביי דעם אמת האב איך אים טאקע ניט פיינט,
ווייל ער איז מיר א גוטער פריינד.
איך האב געוואלט וויסן צי ער האט מיר ליב,
בין איך צוועקגעפארן פון זיין שטיב,
ווי איך בין פון זיין שטיב צוועקגעפארן,
אזוי איז ער גלייך קראנק געווארן.
האט ער גענומען צו מיר בריוו שרייבן,
בין איך קאריק צו אים געקומען,
ווי א פייגעלע אין נעסט האט ער מיר צוגענומען
און ער האט געזאגט—יעצט איז מיין וועלט,
איך וועל דיר נעמען אן איין קאפיקע געלט.
ליב האב איך אים ווי מיין לעבן,
ער האט מיר א פרעזענט געגעבן,
קיינער ווייס ניט פון דערפון,
אז אליין איז ער לעווינס א זון,
אונזער ליבע האט זיך פעסט פארנומען
אלע נאכט פלעגט ער צו מיר קומען
און מיינע עלטערן האבן באַרניט בעוואוסט,
וואס איך ביי אזוי צראפ פון לוסט.
איין אוונט איז ער צו מיר געקומען
אין טעאטער האט ער מיר גענומען,
פרעג איך ביי אים וואס איז אזוי שפעט,
זאגט ער—מ'האט מיר א שידוך גערעדט.
אך, זע, מיין לעבן, דו זאלסט זיך פאר מיר ניט שעמען,
אפשר ווילסטו א צווייטע נעמען.
האט ער זיך געטאן מיט טרערן באגיסן,
מיט דיר, מיין דושינקע, מוז איך מיין לעבן באשליסן.

5***

די זון האט געשיינט
איבער דער גאנצער וועלט,
ס'איז געקומען א וואלקן פון דער זייט
און האט מיר מיין ליכטיקייט פארשטעלט.

שפאצירן זיינען מיר געגאנגען
איבער אן אייזערנעם בריק,
פיל מענטשן זיינען אריבערגעגאנגען,
מקנא געווען מיין גליק.

שפאצירן זיינען מיר געגאנגען
פארביי א בערגעלע היי,
מיר דארפן זיך ביידע צושיידן,
אזוי ווי פייגעלעך צוויי.

סאניע כץ.

6**

שטייט די טויב אויפן דאך
און טוט טרויעריק ברומען,
כ'האב געהאט א גוטן פריינד,
און ווייס ניט וואו ער איז צהינגעקומען.

עס רוקט זיך אַן אַ כמאַרענעס
מיט אַ טאָטשנעם רעגן,
וואָלט געגאַנגען זוכן אים,
זיינען פאַרגאַסן געוואָרן די וועגן.
(אָסיפּאָוויטש, מינסקער גוב. 1918)

7.

האָב איך שפּאַצירט...

1.

האָב איך שפּאַצירט
ג'אַ סעדעלע אַ קליינס,
האָב איך דאָרט דערזען
אַ מיידעלע אַ שיינס.

2.

האָב איך איר געפרעגט,
צי זי וויל מיט מיר פאַרברענגען,
האָט זי מיר געענטפערט:
— קום צו מיר אַהיים!

3.

בין איך געגאַנגען
גלייך צו איר אַהיים.
די מיידעלע זי קלייבט זיך
מיט אַן אַנדערן צו גיין

4.

בין איך געגאַנגען
אין אַן אַנדער גאַס,
זאָל זי ניט מערקן
ווי כ'בין געוואָרן בלאַס.

5.

היינט שטעלט זיך שוין פאָר
ווי מיר איז געוואָרן,
די מיידעלע זי קלייבט זיך
מיטן אַנדערן צו פאָרן.

8*

וואַריאַנט (האַלב רייסיש, האַלב יידיש).

1.

יאַ גוליאַל
וו'אַ סעדעלע אַ קליינס,
יאַ טאַם אוווידעל
אַ מיידעלע אַ שיינס.

2.

יאַ או נייע ספּראַשיוואַל,
צי זי וויל מיט מיר פאַרברענגען,
אָנאַ מניע אָטוועטילאַ:
„קום צו מיר אַהיים!“

3.

פּאַשאָל יאַ פּריאַמאָ
גלייך צו איר אַהיים,
אָנאַ סאָבירּאַיעטסאַ
מיט אַן אַנדערן צו גיין

4.

פּאַשאָל יאַ פּריאַמאָ
אין אַן אַנדער גאַס,
שטאָבי ניע זאַמעטילאַ
ווי כ'בין געוואָרן בלאַס.

5.

פּרעדסטאַוויטע סעבע,
ווי מיר איז געוואָרן—
אָנאַ סאָבירּאַיעטסאַ
מיטן אַנדערן צו פאָרן.

מערעטש 1914

9.

די מיידעלע האָט אָנגעהויבן וויינען, קלאָגן...

די מיידעלע האָט אָנגעהויבן וויינען,
קלאָגן:
„פיר מיר צו מיין מאַמען!“
—שאַ, דו שיינינקע מיידעלע,
מיר וועלן זיך ניט פאַרזאַמען!

די מיידעלע האָט אָנגעהויבן וויינען,
קלאָגן:

„פיר מיר צו מיין טאטן!“
— שא, דו שיינינקע מיידעלע,
ס'וועט דיר גארניט שאטן!

די מיידעלע האט אנגעהויבן וויינען,
קלאגן
„פיר מיר צו מיין מומען!“
האט ער איר אוועקגעפירט
— — — — — בלומען.

די מיידעלע האט אנגעהויבן וויינען,
קלאגן:
„פיר מיר צו מיין פעטער“
האט ער איר אוועקגעפירט
צווישן א קוסטע בלעטער.
— — — — — — —

10.

זאג מיר נאר, דו מיידעלע,
וואס איז מיט דיר דער מער,
ווען איך גיי צו דיר,
גיסטו זיך א קער?

אפשר איז דיין מאמע
פון מיר ניט צופרידן,
אפשר האלט זי מיר ניט
פאר קיין יידן?

איך גיי ארום פיינאכט
לעבן דיין ארט,
אפשר וועל איך דיר געפינען
און הערן פון דיר א ווארט?

געדענקסט, ווען מיר האבן ביידע
אין וואלד זיך דערקענט,
געדענקסט, ווען מיר האבן ביידע
זיך געפירט פאר די הענט?

דו האסט פיליכט פארגעסן,
וואס עס איז געוועזן דאן.
דו האסט מיר צוגעזאגט
נעמען פאר א מאן.

— די מאמע קאן דיר ניט ליידן,
ווייל דו ביסט א שארלאטאן,
און איבער דעריבער
קענסטו ניט זיין מיין מאן.

מעריטש 1913.

11.

ליב האב איך דיר, קעצעלע,
ליב האב איך דיר, דושינקע,
ניט פאר דיינע שיינקייט אליין,
ליב האב איך דיר, דעם גרונט פון
מיין הארצן,
ווייל דו קענסט זיך אוי מיט מיר
באגיין. (2)

א שטייגעלע פון וויצקעלעך
וועל איך פאר דיר מאכן,
אריינזעצן וועל איך דיך אין אים,
נאר שונאים די הערצער ווייל איך
ניט דערפרייען,
נאר איין זאך וויל איך נאך פרעגן
ביי דיר, ביי דיר:

צי דען האב איך דיר, פאפעצקע,
פאר דיינע פאלעס געריסן,
צי דען האב איך דיר, קעצעלע,
געקענט, אוי, געקענט,

דעם ערשטן שבת צונאכט, אז איך
האב דיך דערקענט,
אזוי ווי א פייער האט דאך מיר
פארברענט.

איך האָב שוין ניט קיין כּוח,
אויף מיינע פיס ארומצוגיין,
פון אַ ליבע שפּילן בין איך מאַט,
אוי, מאַט.
נאָר שונאים די הערצער וויל איך
ניט דערפרייען
און וואַרפן זיך אין דער וועלט גאַנץ
ווייט, אוי ווייט.

ב. ווירשופּ.

12*

כ'האָב זיך איינגעליבט
אין אַ מיידעלע אַ שיינע,
און שיין איז זי געווען
אַזוי ווי גאָר די וועלט,
פאַר איר שיינקייט
איז זי ביי מיר איינע,
און פאַר איר
וועל איך סטראַדאַיען מיין וועלט.

. . . .
. . . .

מיטן באַן זאָלסטו צו מיר ניט פאָרן,
מיטן וואַסער זאָלסטו צו מיר ניט
שווימען,
דו זאָלסט ניט אַוועקוואַרפן דיין אַלטן
טאַטן מיט דער מאַמען,
און צו מיר, מיין לעבן, האָסטו ניט
וואָס צו קומען.

13*

. . . .
האָב ניט קיין מורא,
אַ דאָקטער איז מיט דיר,
זאָל דיר דיין הארץ ניט קלאַפּן,
איך האַלט פאַרשפּאַרט די טיר.
. . . .

14*

אַ ליבע צו שפּילן
דאַרף מען האָבן כּוח,
און אַז מע שפּילט די ליבע ניט אויס,
קערט זיך איבער דער מוח.
. . . .

V. באַלאַדנאַרטיקע לידער

(אומטרויע און אומגליקלעכע
ליבע א. אַ.).

1*

אַמאָל איז געווען אַ מיידל...

1.

אַמאָל איז געווען אַ מיידל,
זי האָט פאַרשטאַנען אַ ליבע גאַנץ גוט.
דער יינגל—עת ליבט דאָך די מיידל,
דאַן זיינען זיי ביידע באַגליקט.

2.

דעם יינגלס פאָטער איז אָרעם און
אָרעם,
די מיידלס פאָטער איז אַ גביר,
נעמט די מיידלס פאָטער דער רייכער,
און ווייזט דעם אָרעמען די טיר.

3.

. . . .
. . . .
דער יינגל גייט אויס ווי אַ ליכט
און פאַלט אין זיין קבר אַריין.

4.

ווי די מיידל האָט זיך דאָס געטאָן
דערוויסן
אַזוי איז זי גלייך דורכן טיר.
זי איז צוגעגאַנגען צום קבר דעם
זיסן,

בעעפנט האָט זיך פאַר איר אַ טיר.

5.

ווי אַ מאַגנעט האָט זי צוגעצויגן,
. . . .
אַזוי האָט זי אַראָפּגעריסן די שערבלעך
פון זיינע אויגן.

6.

דער טויטער האָט די אויגן געעפנט
און אַרומגענומען האָט ער איר מיט איין האַנט,
דער קבר איז געוואָרן פאַרשטעלט,
דאַן ליגן זיי ביידע ביינאַנד.

דעווענישאָק 1914.

2.

צוויי שוועסטער.

1.

צוויי שוועסטער זיינען מיר געוועזן,
איינע עלטער פאַר די אַנדערע,
די עלטערע שוועסטער איז מיט מזל אַ כלה געוואָרן.
מיט מזל האָט זי חתונה געהאַט.

2.

ווי זי איז אָפּגעוועזן איינע צוויי דריי וואָכן,
אַזוי האָט זי אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן.
ווי דערלעבט מען די גליקלעכע מינוט,
די שוועסטער זאָל קומען צו פאָרן.

3.

הער זיך איין מיין פאַרליבטע ווייבעלע,
הער זיך איין וואָס איך וועל דיר זאָגן,
אפילו דיין שוועסטער וועט זיין
פאַר הונדערט מייל,
צו דיר וועט זי קומען צו פאָרן,

4.

ווי די שוועסטער איז געקומען צו פאָרן,
אַזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן פּוצן און קאַמען,
ווי זי האָט זיך פאַרפּוצט און פאַרקאַמט,
אַזוי איז זי אַוועק מיטן שוואָגער שפּאַצירן.

5.

ווי זי איז אָפּגעגאַנגען איינע צוויי דריי טריט,
אַזוי האָט זי מיט אים פאַרפירט אַ רייד.
— הער זיך איין, מיין פאַרליבטער שוואָגער,
הער זיך איין וואָס איך וועל דיר זאָגן,
לאָמיר פאַרפירן די שוועסטער אין וואַלד
און לאָמיר ביידע חתונה האָבן! (2 מאָל)

6.

הער זיך איין, מיין געליבטע שוועגערין,
הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
קיין שענערע ווייבעלע ווי דיין שוועסטער איז,
קיין שענערע דאַרף איך ניט האָבן.

7.

הער זיך איין, מיין געליבטער שוואָגער,
הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
לאָמיר פאַרפלאַנצן אַ ווייַנגאָרטן אַ נייעם

און שענערע פרוכט וועלן מיר האָבן.

8.

הער זיך איין, מיין געליבטע שוועגערין,
הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
קיין שענערע קינדערלעך, ווי דיין שוועסטער האָט,
קיין שענערע דארף איך ניט האָבן.

9.

הער זיך איין, מיין געליבטער שוואָגער,
הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
גיב מיר אוועק די שליסלען פון בופעט
און לאָמיר ביידע חתונה האָבן!

10.

הער זיך איין, מיין געליבטע שוועגערין,
הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן,
נא דיר אוועק די שליסלען פון בופעט
און לאָמיר ביידע חתונה האָבן.

11.

—הער זיך איין, מיין געליבטע שוועסטער,
וואו ביסטו א גאנצע נאכט געוועזן?
דייגע וועטשערע איז דאָך קאלט געוואָרן,
דו וועסט דאָך קיין הנאה ניט האָבן.

12.

—הער זיך איין, מיין געליבטע שוועסטער,
זיי ניט אזוי צוטראָגן,
באלד וועט אריינגיין מיין געליבטער מאן,
וועט ער דיר פון שטוב ארויסיאָגן.

13.

ווי דער מאן איז אריינגעגאנגען,
אזוי האָט ער איר אָנגעהויבן טרייבן און יאָגן.
ער האָט איר אָנגעבונדן א שטיין אויפן האלז
און האָט איר אין טיפן טייך אריינגעוואָרפן.

דעוועניסאָק, ווילנער גוב. 1915.

3*

איך האָב אָנגעפאנגען אַ ליבע שפילן...

איך האָב אָנגעפאנגען א ליבע שפילן,
איך האָב געמיינט עס וועט מיר זיין גוט,
איך בין אריינגעפאלן אין לייטישע מיילער,
מע פארגיסט מיר ווי וואסער מיין בלוט.

איך האָב זיך פארליבט אין א מיידעלע,
אוי, שיין איז זי ווי די גאנצע וועלט,
עס קען גאָר אנדערש ניט זיין,
מיט איר מוז איך אויספירן מיין וועלט.

מיטן באן וועל איך טאָן צו איר פאָרן,
מיטן וואסער וועל איך טאָן צו איר שווימען,
איך וועל אוועקווארפן מיין פאָטער און מיין מוטער,

צו דיר, מיין זיס לעבן, ווע‌ל איך קומען.

—מיטן באן זאלסטו ניט טאן צו מיר קומען,
מיטן וואסער זאלסטו ניט טאן צו מיר שווימען,
זאלסט ניט צוועקווארפן דיין פאטער און דיין מוטער,
צו מיר, מיין זיס לעבן, זאלסטו ניט קומען.

—צי דען איז ער שענער און בעסער,
צי דען איז ער קליגער פאר מיר,
— אוי, יענער איז ניט שענער און ניט בעסער,
קליגער איז ער אויך ניט פאר דיר.

— א יונגינקן זאלסטו אים נעמען,
א יונגינקן זאלסטו אים באגראבן,
— א יונגינקן וועל איך אים נעמען,
א זיס לעבן וועט ער פאר מיר האבן.

ווצר.—1) ל. כהן 124.
2) ל. ב—ן „פנקס“.
3) צ. א—ן „פנקס“.

4*

שפאצירן, שפאצירן זיינען מיר אלע געגאנגען...

.1

שפאצירן, שפאצירן זיינען מיר אלע געגאנגען,
בעגאנגען זיינען מיר אלע גאנץ ווייט.
מיט אמאל—עס הערט זיך א קול—
ראטעוועט א מענטשן פון טייך!

.2

ווי מען האט אים פון טייך ארויסגענומען,
אזוי האט די געליבטע אנגעהויבן קלאגן,
ווי מען האט אים אויפן טהרה-ברעט ארויפגעלייגט,
אזוי האט מען דעם תנאים צוריסן.

.3

ווי מען האט אים אויפן בית-עולם ארויפגעטראגן,
אזוי האט זי אנגעהויבן חלשן און קלאגן.
איך וואלט זיך געוואונטשן מיינע גאנצע געלט צו פטרן
און מיט מיין זיס לעבן צוזאמען זיין.

.4

ווי מען איז פון פעלד ארא‌פגעגאנגען,
אליין איז זי אין צימער אריין,
זי האט זיך גענומען דערמאנען אן איר טייער זיס לעבן
און איז געפאלן אין צימער ווי א שטיין.

5

זיינע זאכן, זיי טוען ביי מיר העגגען,
איך טו דאך זיי באוויינען און באקלאגן,
איך וועל זיי אפגעבן ארעמינקע בחורימלעך,
זיי זאלן נאך אים קדיש זאגן.

.6

פייגעלעך אין הימל, איר זייט דאך אלע עדות,
איר זייט דאך אלע עדות פאר מיר.
איך וואלט זיך געוואונטשן מיינע גאנצע געלט צו פטרן,
גאר מיט מיין זיס לעבן צוזאמען זיין.

.7

איך האָב אוועקגעשיקט אַ בריוו צו
זיינע עלטערן,
קענט איר זיך פאָרשטעלן גאָר,
אַז עס שטאַרבט אַפּ אַן איינאַיינצי-
קער קדיש
פון איינאונצוואַנציק יאָר...

מערעטש 1914.

*5

איך האָב געליבט אַ מיידעלע פון
אַכצן יאָר,
געליבט האָב איך איר אַ דריי פיר
יאָר.

איך האָב געוואָלט וויסן צי זי האָט
מיר ליב,
בין איך אוועקגעפאָרן פון איר שטיב.

ווי דער יונגער קנאַבע איז אָפּגע-
פאָרן,
אַזוי איז די געליבטע קראַנק גע-
וואָרן.

צוועלף אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט
האָט מען צום קנאַבע אַ בריוועלע
געבראַכט.

ווי ער האָט גענומען דעם בריוועלע
אין האַנט,
אַזוי האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די
געליבטע איז קראַנק.

געבראָשעט די געשעפטן, דעם אייגנס
פאַרלאָרן,
צו זיין געליבטער איז ער אוועק-
געפאָרן.

— גוט מאָיען, גוט מאָיען, מיין ליב-
טיקער פאַרשוין,
וואָס טוסטו ליגן אין בעטל אַליין?
— גוט יאָר, גוט יאָר, מיין יונגער
קנאַבע,
די בעטל איז מיין בעגראַבע.

שנעלער שנעלער ליכט געבראַכט,
מיין געליבטע גייט אויס די נאַכט.
ווי ער האָט איר גענומען אונטערן
אָרים,
אַזוי איז זי געוואָרן ניט קאַלט און
ניט וואַרים.

ווי ער האָט גענומען דעם אַלמער
שליסן,
אַזוי האָבן זיך גענומען טרערן גיסן.

ווי ער האָט אַרויסגענומען די שוואַרצע
טרויער-קלייד,
אַזוי האָט ער איר גאַנץ פיין באַקליידט.

אויף דיין קבר וועט שפּראָצן בלומען,
צו דיר, מיין געליבטע, וועל איך אין
גיכן קומען.

עס האָט ניט געדויערט קיין איין
פרימאָרגן,
ווי דער יונגער קנאַבע איז אויך
געשטאָרבן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ יאָמער,
אַ קלאָג,
צוויי געליבטע אין איין טאָג.

אויפן מצבה שטייט אָנגעשריבן,
אַז צוויי געליבטע אין איין קבר
ליגן.

---

* ענלעכער וואַריאַנט ביי צ. א—ן

„פּנקס“ נומ. 168, 169, 170.
וואר. נח פּרילוצקי, יידישע פאָלקס-לידער, 2-טער ב.

6*

איך האָב געטראַכט אַ טאָג מיט אַ נאַכט...

1.

איך האָב געטראַכט אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
ווי די מיידעלע צו פאַרפירן,
איך בין אריין צו איר מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ לאַך—
טו זיך אָן און קום אין גאַס שפּאַצירן.

2.

זי האָט אָנגעטאָן די פּרעס-ווייסע קלייד
און איז אַוועק שפּאַצירן,
גייענדיק האָט זי אָנגעגעגנט אירע טאָוואַרישטשעס
— אַך וואו גייט איר דאָ אַזוי שפּעט?

3.

וואו מיר גייען, גייען מיר,
דאָס איז שוין ניט דער ערשטער מאָל,
דאָס איז שוין דער לעצטער מאָל.

4.

אַדוואָקאַט, דו אַדוואָקאַט,
דו ווייסט דאָך פון אַלע זאַקאָנעס,
און דו ביסט מיינער אַ שוועסטער-קינד,
טו האָב אויף מיר רחמנות.

5.

ער האָט ארויסגענומען דעם צוקער-שנירל
און האָט פאַרוואָרפן אויף איר האַלז

. . . .
און אין לאַנקע דערטרונקען.

6.

ליבע פּאַדרוגעס, איר זיסע פּאַדרוגעס,
נעמט אַראָפּ פון מיר אַ ראיה,
אַז וועלכע מיידעלע עס שפּילט אַ ליבע,
זאָל שפּעט ביינאַכט ניט הוליאַיען.

7.

ליבע ביימער, אַך, זיסע ביימער,
קיין פאַלשע עדות זאָלט איר ניט זיין,
אַז מיין מאַמע וועט קומען פרעגן,
דעם אמת זאָלט איר זאָגן.

דעוועניִשאָק, 1915.

7*

זעקס יאָר מיט אַכט מאָנאַטן...

1.

זעקס יאָר מיט אַכט מאָנאַטן,
ווי מיר האָבן זיךביידע באַקאָנט.
אַך, ווי גליקלעך איך וואָלט זיך שעצן,
ווען איך וואָלט האַלטן דיין רעכטע האַנט.

2.

אין איין צימער זיינען מיר ביידע געזעסן,
פון אונזער ליבע האָט קיינער ניט געוואוסט.
אויף דיינע הענטלעך בין איך געזעסן,
איך האָב ניט גערעכנט, ס'זאָל זיין אומזיסט.

3.

שפּאַצירן זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
צי דו האָסט מיך ליב, צי דו האָסט מיך פיינט,
אַז דו האָסט ניט מורא פאַר גאָט

אין הימל,
טאַ האָב שוין שאַנדע פאַר מיינע
פריינד.

.4

פאַר אלעמען זאָגסטו, אַז איך בין
אַ שיינע,
וואָס שענער, שענער קען שוין גאָר
ניט זיין.
פאַר מיינע שיינהייט ווערסטו צעטייעט,
אַזוי ווי דער פאַסטוך אין פרייען
פעלד.

.5

שפּאַצירן זיינען מיר ביידע בעגאַנגען
אַרום און אַרום דעם בית עולם.
אַוואו דער ליבער גאָט פאַרטרייבט
דעם עולם,
דאָרטן פלעגן מיר שפּאַצירן גיין.

.6

דיינע בעקעלעך—צוויי ראָזע בלומען,
דיינע ליפּלעך ווי צוקער זיס,
דיינע אויגעלעך—צוויי שוואַרצע קאַרשן,
אָך ווי דערלעבט מען פון דיר אַ קוש.

דעוועגישאָק, ווילנער גוב. 1915

8*

די וועלט, די וועלט.

די וועלט, די וועלט איז פאַר מיר
ניט קיין וועלט,
זי איז דאָך פאַר מיר צו קליין.
איך האָב זיך אליין זיך באַקלערט,
יונגערהייט פון דער וועלט אַוועקצוגיין.
אַזאַ טייערע וועלט,
גאָר ניט פאַר מיר,
אוי ווי גרויס איז אין מיר מיין
וואונד,
אַז איך דאַרף גיין זוכן אין דר'ערד
אַ טיר,
איך—ראָזע, די אדל-קינד...

איך האָב נאָך גאָר קיין וועלט ניט
געזען,
מער ניט די—שטאָט קאַטערינאָסלאַוו
אליין,
מיין גאַנצער פאַרגעניגן איז דאָרטן
געווען—
איך פלעג אין בולוואַר שפּאַצירן גיין.
און יעצט איז מיר צו מיין האַרצן
דערגאַנגען,
אוי ווי גרויס איז אין מיר מיין
וואונד,
און מאָרגן וועט מען זאָגן, אַז איך
האָב זיך געהאַנגען,
איך—ראָזע די אדל-קינד...

מאָרגן וועט זיין די מיטה מיין בעט
און די תכריכים—מיינע קליידער,
דער פייכטער קבר איז מיין קאַבינעט
און איך וועל ליגן שטיל שווייגן.
אוי ווי גרויס עס איז אין מיר
מיין וואונד,
און עס קען נאָך זיין, אַז מ'וועט
מיר שניידן,
מיר—ראָזע, די אדל-קינד...

מיינע עלטערן זיי טוען שלאָפן,
זיי ווייסן גאָר פון זייער אומגליק
ניט,
וואָס עס האָט ביי זיי געטראָפן
מיט זייער איינאיינציק קינד.
און מאָרגן פרי וועלן זיי זיך פון
אלעס דערוויסן,

אוי, ווי גרויס עס איז אין מיר מיין ווּאונד,
פיל טייכן טרערן זיי וועלן טאָן אויסגיסן
אויף מיר—ראָזע, די אדל-קינד...

9*

די וועלט האָט ביי מיר קיין ווערדע ניט,
מער ניט ווי א ווינט.
צוליב אייך, מיינע עלטערן, זאָל איך זיך דארפן הענגען,
אוי וויי! פון אכצן יאָר א קינד!

אליין בין איך אין מיין צימערל אריין,
קיין וואָרט האָב איך ניט מיט ווּעמען צו ריידן,
האָב איך מיר איין מיטל באַקלערט,
ווי זיך פון דער וועלט צו שיידן.

אוי סאַר א שיינע וועלט זי איזו
זי איז מער ניט ווי א ווינט,
צוליב אייך, מיינע עלטערן, זאָל איך זיך דארפן הענגען,
אוי וויי! פון אכצן יאָר א קינד!

דריי האַנטעכלעך האָב איך אויפגעבונדן,
און אליין אין צימערל אריין,
אויפן העלזעלע האָב איך געטאָן פארציען,
טויטערהייט בין איך געבליבן דאָן.

די מיטה וועט זיין מיין היסב-בעט,
די תכריכים וועלן זיין די אייביקע קליידער,
דער קבר וועט זיין מיין קאַבינעט.
די ווערים וועלן עסן יעדן אבר.

די נאַכט איז שוין אריבער, עס הייבט שוין אָן צו טאָגן,
זייט געזונט אלע מיינע שכנים,
אָ טע דאָ אָ טע דאָ וועט מען מיר צושיידן,
אוי וויי! פון אכצן יאָר א קינד.

ווּאַר. ג. מ. 229

10*

ווער עס וויל אַ ליד אויסהערן...

ווער עס וויל א ליד אויסהערן,
יענער זאָל קיין נאַכט ניט שלאָפן,
די ליד איז ווייגענדיק, די ליד איז טרויערדיק,
וואָס אין קיעוו שטאָט האָט געטראָפן.

אין קיעוו שטאָט אויפן מעשטשאנסקן בריק,
גאָרדינס טאָכטער האָט איר גליק פארלאָרן.

דער אדוואָקאט, דער פיינער מאַן,
ער האָט זיך אין איר פארליבט,
זי האָט אים ניט געליבט.

שטענדיק פלעגט אים טאָן קרענקען,
טאָג ווי נאַכט איז ער געזעסן און געטראַכט
ווי קען ער איר אומברענגען.

שפּעט ביינאַכט איז ער אריין:
— לאָמיר ביידע גיין שפּאַצירן.

— שפּאַצירן וועל איך מיט דיר ניט גיין,

דו ווילסט מיר מיין לעבן אומ-ברענגען.
— שווערן שווער איך דיר ביי מיין לעבן,
אז איך וועל דיר ניט טאָן פארפירן!

שפאצירן זיינען זיי ביידע בעגאנגען

. . . .

אין פרילאָנקע האָבן זיי איר דער-טרונקען.

. . . .

ווי דער פאָטער האָט זיך דערוואוסט,
האָט ער גענומען וויינען.
שכנים-קרוין, אוי שכנים-קרוין:
נעמט אראָפּ א ראיה,
איך האָב מיין טאָכטער ניט געוואָלט
צו דער חופה פירן,
דארף איך ביין נאָך איר לויה.

דעווענישאָק, 1913.

11*

א טרויעריק ליד מיט דעם דערטרונקענעם חתן.

די זון האָט זיך אראָפּגעלאָזן אין מערב-זייט,
פינסטער איז געוואָרן אויף דער וועלט (2 מאָל).

אלע מענטשן זיינען שפאצירן גע-גאנגען,
נאָר אברהם דער חתן פעלט.
טויזנטער מענטשן זיינען שפאצירן געגאנגען,
בעגאנגען זיינען זיי גלייך,
אינמיטן דעריינען הערט מען א קול—
אך, ראטעוועט א מענטשן פון טייך.

ווי מ'איז צום טייך צוגעגאנגען, האָט מען געמאכט א פּלאן,
און הונדערטער מענטשן האָבן זיך צו דער מצווה גענומען,
צו ראטעווען דעם יונגן מאן.
און אז מע האָט אים פון טייך ארויס-גענומען,
איז די פּיס געווען ביי אים צעביסן,
און ווי מע האָט אים אויפן טהרה-ברעט ארויפגעלייגט,
אזוי האָט מען דעם תנאים צעריסן,

אוי, די כלה שטייט ביי דערביי,
טייכן טרערן רינען פון אירע אויגן,
זי בעט ביי גאָט, אז ער זאָל מיט איר א נס טאָן,
אז מע זאָל איר דערביי לייגן.

כלה דו ליבסטע, כלה דו מיין,
צי דען ביסטו איינע אויף דער וועלט?
דער טויט לאָזט ניט איבער קיין יונגע און קיין אלטע,
אויף דעריוף איז די וועלט גע-שטעלט.
— אך, זיינע זאכן וואָס ער האָט געטראָגן
וועל איך באוויינען און באקלאָגן,
און איך וועל דאָס צוטיילן אָרימע בחורים
זיי זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן.

וואר. כהן. ב. I באל. 7, 8.

12*

איך בין אמאָל געווען א גאנץ ערלעך מיידעלע,
דאָס איז ביי מיר געווען טייערער ווי געלט,

און יעצט בין איך באליידיקט,
אוי געוואָרן,
איך מיין עס איז שוין פארפאלן
מיין וועלט.

צוזאנג:

דערום איז מיר מיין הארץ
פארזעטיקט אוי מיט שמארץ,
און דאָס פנים גייט אראָפּ פון קאָליר,
אוי, די פיס קען ניט גיין, די ליבע
אויסצושטיין,
גוואלד, ווי ווערט א מענטש אזוי
פארפירט.

מיט דיינע גוטע ברידער האָב איך
וויין געטרונקען,
אוי, פון א ריינע גלאָז,
אן אומחן האָסטו אויף מיר, מיין זיס
לעבן, אוי געוואָרפן,
איך ווייס דאָך ניט פאר ווען און
פאר וואָ.

צוזאנג:

איך בין אמאָל געוועזן א גאנץ שיין
מיידעלע,
פון קיין צרות האָב איך דאָך ניט
געוואוסט,
א טאנץ און א שפרונג, א הוליע און
א זונג,
און יעצט בין איך פון דער ליבע
מאט

צוזאנג:

הערט זשע אויס, מיינע גוטע חברטעס,
איך וויל אייך דערציילן פון אלעס,
קיין מאנספערזאָן זאָלט איר קיין
מאָל ניט גלויבן,
ביז וואָנען איר וועט ניט ווערן
קיין כלהס.

צוזאנג:

אוי, געוואלד, ווי ווערט א מענטש
אזוי פארפירט,
מיר האָבן געשפילט א ליבע שוין
באלד 2 יאָר,
ביז וואנען אלע ?יין האָבן זיך
דערוואוסט.
מע האָט דאָך געזאָגט, אז דאָס איז
טאַקע א פּאָר,
ניבי וואָלט כמעט ניט געוועזן
אומזיסט.

צוזאנג:

צי האָסטו ניט קיין עסן, צי האָסטו
ניט קיין טרינקען,
צי האָסטו ניט קיין שיינעם באנג,
טאָ זאָג זשע מיר, טאָכטערל, זאָג
זשע מיר, ליובינקע,
אָך, וואָס זשע טוט דיר אזוי באנג.

מאמעניו ליובינקע, מאמינקע דושינקע,
איך שווייג שוין א ביסעלע שטיל.
אוי, לעש מיר דעם פייער פון מיין
הארצן
און גיב שוין מיר דעמען איך וויל.

דערום בין איך מקנא יעדן באזונדער,
דער וואָס ווייס פון קיין ליבע ניט.
א ליבע פירט דאָך איבער א וועלט
מיט יונגע קינדער,
אוי, געוואלד, א ליבע איז דאָך ניט
גוט!

צוזאנג:

13*

א חברטע.

אין איינע צווי ווערטער האָט ער
געטאָן מיט מיר ריידן,
אַזוי האָט ער זיך איינגעליבט אין
מיר,
אוי און אוי, גאָט זאָל אים צאָלן
אין אַלע זיינע וועגן,
דעם תכלית, וואָס ער האָט געמאַכט
פון מיר.

א חברטע, א חברטע האָב איך
געהאַט, א געטרייע,
וואָס געטרייער קען שוין גאָר ניט
זיין.
מיט אירע פאַלשע ריידעלעך האָט
זי אים צוגענומען,
געבליבן בין איך עלנט ווי א שטיין.

א חברטע, א חברטע, האָב איך
געהאַט א געטרייע,

און אַלע סעקרעטן האָט זי ביי מיר
געוואוסט,
און היינט טוט מען זינגען, אין אַלע
גאַסן קלינגען,
אַז מיין סטראַדאַניע איז געווען
אומזיסט.

אוי, חברטעס, אוי חברטעס, קלייבט
זיך אַלע צוזאַמען
און נעמט אַראָפּ א מוסר פון מיר,
אוי, פון מיר,
צוי, גאָט זאָל אייך היטן פון א
פאַלשע ליבע,
אַזוי ווי איינעם פון א יונגן טויט.

אוי, היינט איז מיר ביטער און
דערצו נאָך פינסטער,
וואָס ערגער, מאַמע, קען שוין גאָר
ניט זיין,
און א שטיין אויף מיין האַרצן וועל
איך זיך טאָן אויפהענגען
און וואַרפן וועל איך זיך אין ים
אַריין.

און ווי איך בין איך אין ים אַריינ-
געלאָפן,
געוואָרן איז א שטורים און א ווינט,
אוי, אַז מיין מאַמע זאָל וויסן, אַז
איך גיי זיך טרינקען,
געלאָפן וואָלט זי ראַטעווען איר קינד.

14*

1.

ווער עס קען דעם פייער איינלעשן,
עס העלפט ניט קיין בראַנפן, ניט
קיין ספּירט,
עס נעמט מיר ניט קיין עסן און
קיין טרינקען,
די פאַלשע ליבע זי האָט מיר פאַרפירט.

2.

איך גיי מיר אַרויס אויפן גאַס,
פאַרטרויערט איינע אַליין,
זיינע חברים זיי ווייזן אָן מיט די
פינגער,
אַז דאָס איז חיימקעס א כלה געווען,

3.

איך גיי מיר אַריין אין מיין צימער,
קאָם וואָס מ'הערט מיינע טריט,
מיינע געדאַנקען זיי קערן זיך מיר
איבער,
שלאָפן לייגן דערלאָזט דאָס מיר ניט.

.4

א תנאים האָב איך מיט דיר געשריבן,
צו וואָס זשע שטייסטו לעבן מיין טיר,
א געהלשטער זאָלסטו דאָ בלייבן,
און טויטערהייט זאָל מען דיר צו־
געמען פון מיר.
פעקער.

15.

א.

לאָמיר אוועקלייגן וועגן אַלעס,
לאָמיר אָנהייבן מיטן אַלף,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
שאַרפט אויף זיך אַ חלף.

ב.

לאָמיר אוועקלייגן מיט אַלף,
לאָמיר אָנהייבן מיטן בית,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
לאָזט זיך אויס אַלרָאָס בייז.

ג.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן בית,
לאָמיר אָנהייבן מיטן גימל,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
מיינט, אַז זי איז אויפן הימל.

ד.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן גימל,
לאָמיר אָנהייבן מיטן דלית,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
לאָזט זיך איר אויס אַ בייזער דלית.

ה.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן דלית,
לאָמיר אָנהייבן מיטן היי,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
איז איר אַך און ווי.

ו.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן היי,
לאָמיר אָנהייבן מיט וואָוו,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
לאָזט זיך איר אויס אַ בייזער סוף.

ז.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן וואָוו,
לאָמיר אָנהייבן מיטן זייען,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
טוט זי גאַכהער מיט בלוט שפּייען.

ח.

לאָמיר אוועקלייגן מיטן זייען,
לאָמיר אָנהייבן מיט חית,
די מיידעלע, די מיידעלע, וועלכע
שפּילט אַ ליבע,
איז בלייך ווי אַ פּאַרטיקער מת.

16.

אויפן ים, אויפן ים טרייבט אַ ווינט,
אַלע פּאַליעס שלאָגן,
און אין הארצן איז מיר אַ וואונד,
איך קען קיינעם ניט זאָגן.

מע האָט מיך געבונדן,
אויף אַלע פיר, אויף אַלע פיר,
. . . .
און איך קען ניט קומען צו דיר.
. . . .

17.

כ׳פאַרשילט דעם טאָג,
דעם טאָג פון מיין געבאָרן,

איך באוויין אים אלע מאָל,
הלואי וואָלט איך גאָר ניט געווען
געבאָרן,
איידער איך האָב דיר דערקענט.

ווער.

18*

ס'איז שוין צוועק האלבע נאכט,
און איך האָב נאָך אלץ ניט געשלאָפן,
מיינע געדאנקען זיי קערן זיך איבער,
וואָס פאר אן אומגליק דאָ האָט
געטראָפן.
. . . .

איך האָב פארשפילט אזא טייערע ליבע,
איך קען איר קאריק ניט געפינען.

ווען איך וואָלט געווען א פייגעלע,
וואָלט איך צו דיר געפלויגן
איך וואָלט . . . .
מיט מיינע פארוויינטע אויגן.

ווען איך וואָלט געווען א פיש,
וואָלט איך צו דיר געשוואומען.
. . . .

(פון א גרעסערן ליד, וואָס איך
האָב ניט באוויזן צו פארשרייבן,
אונטערגעהערט אונטער א פענסטער)

19*

. . . .

קלאפט א דעפעש צום יונגן קנאבע,
אז זיין געליבטע איז שוואך און
קראנק.
. . . .

איין זאך וועל איך ביי דיר בעטן,
דו זאָלסט קומען מיין קבר באטרעטן.

גויפן קבר האָט ער געפונען אנגע-
וואקסן שוואָמען,

זאָט ער די שוואָמען ארויסגעריסן
און האָט ארויפגעלייגט קראנצן בלומען.

ווער. פנקס צ. א—ן № 5

20*

ניסנבוים.

מוטער ליבע, מוטער מיין,
איך בין געגאנגען אין גאס אריין,
האָב איך געהערט ווי לייט ריידן,
שטייט אין וואלד א ניסנבוים,
גרין ווי דיין קליידל.

ניסנבוים, דו ניסנבוים,
דו זאָלסט מיר שטיל שווייגן.
איך האָב אינדערהיים צוויי קליינע
ברידערלעך.
זיי וועלן דיר אראָפשניידן.

כאָטש זיי וועלן מיר אראָפשניידן,
קומט דער ליבער זומער,
טו איך שפראָצן בליען,
גיסט נאָך אונטער א קריגל ווייִן
קריגט איר אים ניט ווידער.

א ברוכשטיק פון א ליד.
זע ווער. פריל. 162, 163, 164,
165, 166, 167.
אראָפגעשריבן ביי א שילער.

21*

— אך, דו מעגטש, ווי קומסטו אהער?
דאָדערט איז דאָך מיין קווארטיר,
— טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— נא דיר צוועק מיינע שיך און
קאלאשן,

און לאָז מיר גיין איבער די גאסן
— טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— דיינע שיך און קאלאשן טו איך באדארפן,
נאָר דעם מעסער פאר דיר טו איך שארפן,
טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— נא דיר צוועק מיין גאָלדענעם ווייזער,
און לאָז מיר גיין איבער די הייזער!
— טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— דיין גאָלדענעם ווייזער טו איך באדארפן,
נאָר דעם מעסער פאר דיר טו איך שארפן,
טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו.

— נא דיר אוועק מיין גאָלד און זילבער,
און לאָז מיר גיין צו מיין ווייב און קינדער.
— טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— דיין גאָלד און זילבער טו איך באדארפן,
נאָר דעם מעסער פאר דיר טו איך שארפן.
טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

— נא דיר אוועק מיין פערד און וואָגן,
נאָר דו זאָלסט מיין נפש ניט באַגראָבן!
— טו לא לא ליו—יא טעביא זאביו!

22*

פינסטער איז מיר מיין וועלט,
מיין יוגנט איז מיר שווארץ,
מיין גליק איז מיר פארשטעלט,
צופוילט איז אין מיר מיין הערץ.

מיר ציטערט יעדער אבר,
אין מיר קילט דאָס בלוט,
נאָר אין אייגענעם קבר,
וועט מיר זיין רעכט גוט.

וואָס ווילסטו, מוטער, האָבן, (2 מאָל)
וואָס מאטערסטו דיין קינד,
וואָס ווילסטו מיר באגראָבן,
וואָס איז מיינע זינד.

אַך, ווען דו וואָלסט וויסן,
ווי מיר איז ניט גוט,
וואָלסטו ניט פארגיסן,
אזוי ווי וואסער מיין בלוט.

איך האָב קיין נחת געהאט,
נאָר ליידן און קומער,
איך וועלק ווי א בלאט,
ווי א בוים סוף זומער.

וואו נעם איך מיין פריינד,
כאָטש אויף איין שעה,
אלע האָבן מיר פיינט,
און ער איז ביי מיר אויך ניטאָ.

וואו ביסטו, מיין נשמה,
וואו ביסטו אַך, זאָג,
דו ביסט דאָך מיין נחמה,
ביינאכט און בייטאָג

אַך, מיינע עלטערן, אוי וויי,
פארזאָגן דיר פון מיר,

אוי, פארגעס מיין געשריי,
איך לעב באָרניט אָן דיר.

VI. חתן־כלה און חתונה־לידער.

1****

הער דו צו, ביטע לאה,
וואָס איך וויל דיר זאָגן מיין דעה,
עס וועלן צו דיר קומען
חתנים און מחותנים,
זאָלסטו ניט שטיין פון וויטן,
אזוי ווי א מיידעלע פארצייטן,
זאָלסט זיך גאָר ניט שעמען
און זאָלסט זיך אין דעה נעמען.
וועלכער דיר וועט געפעלן,
יענעם זאָלסטו וועלן.

2**

שפרינג אראָפּ, שפרינג אראָפּ,
טאָכטערקע, פון אויוון,
מ׳האָט געבראכט, מ׳האָט געבראכט,
א קליידעלע פארקויפן,
(א פּאָר שיכעלעך, א פּאָר זעקעלעך
א. אז. וו.)
— אוי, מאמע, איך בין אלט,
אויבן אויוון איז מיר קאלט,
איך וועל דאָס ניט קויפן.

שפרינג אראָפּ, שפרינג אראָפּ,
טאָכטערקע, פון אויוון,
מ׳האָט געבראכט, מ׳האָט געבראכט,
א חתנעלע פארקויפן,
— אוי, מאמע, איך בין יונג,
אין פון אויוון גיב איך א שפרונג,
איך וועל דאָס קויפן,
איך וועל דאָס קויפן.

3** וואר.

— באדאנע, באדאנע, וואָס וויינסטו
מיין קינד?
אפשר ווילסטו א קליידעלע האָבן,
(א פּאָר שיכעלעך, א פּאָר זעקעלעך
א. אז. וו.)
וועל איך גיין צו דער שניידערקע
זאָגן.
— ניין, מאמעלע, ניין
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך ניט פארשטיין.

— באדאנע, באדאנע, וואָס וויינסטו
מיין קינד?
אפשר ווילסטו א חתנעלע האָבן,
וועל איך גיין צום שדכן זאָגן.
— יע, מאמעלע יע!
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך שוין פארשטיין.

וואר. ג. מ. 244; כהן.

4*

— זאָג, וועמען זאָל איך דיר, מיין
קינד, געבן?
א שוסטער־ייִנגל געבן דיר, מיין קינד?
— ניין מאמעלע, ניין!
א שוסטער־ייִנגל מאכט דעם שיכל
און די ווייב שרייבט אין ביכל,
ניין, מאמעלע, ניין!

— טאָ וועמען זאָל איך דיר, מיין
קינד, געבן?

א שניידער-ייִנגל געבן דיר, מיין קינד?
— ניין, מאמעלע, ניין!
*) א שניידער-ייִנגל מאכט דעם פראק,
און דער ווייב גיט ער אין באק.
ניין, מאמעלע, ניין!

— טאָ וועמען זאָל איך דיר, מיין
קינד, געבן?
א סטאָלער-ייִנגל געבן דיר, מיין קינד?
— ניין, מאמעלע, ניין!
א סטאָלער-ייִנגל מאכט דעם בענקל,
און גייט גלייך אין שענקל,
ניין, מאמעלע, ניין!

— טאָ וועמען זאָל איך דיר, מיין
קינד, געבן?
א שמיד-ייִנגל געבן דיר, מיין קינד?
— ניין, מאמעלע, ניין!
א שמיד-ייִנגל קלאפט אין קאָוואדלע,
און די ווייב רופט ער פאדלע,
ניין, מאמעלע, ניין!

— טאָ וועמען זאָל איך דיר, מיין
קינד, געבן?
א רב-ייִנגל געבן דיר מיין קינד?
— א רב-ייִנגל פסקנט שאלות,
און מיט דער ווייב מאכט ער מעלות
יע, מאמעלע, יע!

---

*) וואר.—א שניידער-ייִנגל מאכט דעם רעקל און די ווייב קלאפט ער אין קעפל.

מערעטש, 1914.

וואר. ג. מ. 246, 249, 312, 313.

וואר. כהן 5, II „חתן-כלה לידער“.

5**

הייַנט בין איך א כלה,
אוי ווי גוט מיר איז,
אלע מחותנים
פרייען זיך מיט מיר.

ס'קומט מיר אָן א בריוועלע,
צו קושן זיינע ווערטער,
איך וואָלט שוין גערן זען
ווי ער איז מיין באשערטער.

מ'פירט מיר צו דער חופה,
מ'פירט מיר שוין צוריק,
אלע מיינע חברטעס,
מקנא מיר דעם גליק.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה,
דער מוט איז נאָך איינגאנצן,
דער יונגערמאן א מלך,
די ווייבל גייט דאָך טאנצן.

צוויי וואָכן נאָך דער חתונה,
די פרייד איז שוין אראָפ,
ביי דעם יונגנמאן,
דרייט זיך שוין די קאָפ.

דריי וואָכן נאָך דער חתונה,
די ווייבל גייט זיך קלאָגן,
אז דער יונגערמאן
האָט איר אָנגעשלאָגן.

„מאמעניו, מאמעניו,
איך בין שוין גאָר ניט גערן,
איך וואָלט שוין וועלן
צוריק א מיידל ווערן“.

„טאָכטערניו, טאָכטערניו,
ס'קען דאָ גאָר ניט זיין,

פון א יונגער פרוי
קען קיין מיידל דאך ניט זיין.

איך האב דיר געגעבן
קליידער און גדן,
וואס האסטו בעגומען
א שארלאטאן פאר א מאן".
פארשריבן,
ישראל ברינשטיין
ווילנע.

וואר. כהן II ב. „חתן-כלה לידער" 38.

6***

וואר. דער שידוך.

רעדט מען מיר א שידוך,
אוי, ווי גוט מיר איז,
פרייען, פרייען זיך אלע,
די פריידע בלייבט ביי מיר.

פירט מען מיר צו דער חופה,
פירט מען מיר צוריק,
שטייען הערן, דאמען,
זיינען מקנא מיר דעם גליק.

שבת אינדערפרי
פירט מען מיר אין שול,
ווייבלעך, יינגלעך, מיידלעך
אין אלע גאסן פול.

שבת נאך הבדלה,
די פרייד איז נאך אינגאנצן,
דער חתן איז דער מלך,
די כלה פירט מען טאנצן.

אין צווי וואכן ארום,
די גאנצע פרייד אראפ,
די יונגע ווייבעלע גייט ארום
די קעפעלע אראפ.

אי, אי, אי, וואס איך וואלט איצט
וועלן,
אי אי אי, א מיידעלע צוריק ווערן.

וואר. כהן 38.

7**

שטייען די קאראטן,
שטייען די קאראטן,
לעבן דער מאמעס טיר,
קרוין מיינע, סערדצע מיינע,
זעץ זיך פארן מיט מיר.
ווי זאל איך זיך זעצן
פארן מיט אייך,
אז איך האב זיך ניט געזעגנט
מיט מיין מאמען גלייך.
זיי זשע געזונט, מאמע מיינע,
איך בין געווען א טאכטער דיינע,
קליינערהייט אויפגעצויגן,
גרויסערהייט אוועקגעפלויגן,
אוי, מאמינקע!

שטייען די קאראטן,
שטייען די קאראטן,
לעבן דעם טאטנס טיר,
קרוין מיינע, סערדצע מיינע,
זעץ זיך פארן מיט מיר.
ווי זאל איך זיך זעצן
פארן מיט אייך,
אז איך האב זיך ניט געזעגנט
מיט מיין טאטן גלייך.
זיי זשע געזונט, טאטע מיינער,
איך בין געווען א טאכטער דיינע,
קליינערהייט אויפגעצויגן,
גרויסערהייט אוועקגעפלויגן,
אוי טאטינקע!

ווילנע.

8****

זיץ איך אין פענסטער,
ברענט מיר דער רוקן,
אַז דער רעכטער זיווג ניט,
איז נאָר צו קוקן.
האָט ער געטראָגן
אַ קעסטעלע מיט גאָלד,
האָב איך אים אַריינגענאַרט
ווי איך האָב אַליין געוואָלט.

9*

היי, האָבער, קאָרן,
דאָבקע האָט די קלייד פאַרלאָרן,
זיסקע איז געגאַנגען, געפונען,
האָבן זיי זיך ביידע גענומען.
היינט ווייסן מיר אַלע,
דאָבקע איז געוואָרן אַ כלה,
זיסקע איז געוואָרן אַ חתן,
אַ קויל האָט זיי ביידן דערשאָסן.

וואַר. „פנקס" נומ. 20 זייט 397

10****

הערט איר אַלע,
עלטערע ביידע,
איר נעמט אַ קינד אַ כלה
און פירט איר צו דער עקדה.
די אויגן איז פאַרבונדן,
די האַרץ איז פול מיט וואונדן,
דער טאַטע שטייט בײַ דער זייט,
ער שערט און שניידט.
ער שניידט און שערט
זיינע קינדער אָן אַ צייט.

11

אָן קליידער,
אָן נדן,
אַבי מיין טאָכטער
האָט אַ מאַן!

12

אַמאָל האָט זיך איינעם געטאָן פאַרוועלן
אום יום-כפור אַ חופה שטעלן.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם (2 מאָל).

ווער מיט אַ לאָפּעטע, ווער מיט אַ
רידל,
אַנשטאָט אַ באַנדורע, אַנשטאָט אַ
פידל.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם (2 מאָל).

איז געקומען דער פעטער עליע מיט
די בערדל
און האָט זיך דורכגעטאַנצט ווי אַ
פערדל.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם (2 מאָל).

איז געקומען די רעבעצין מיט די שניר
און האָבן געטאַנצט אויף אַלע פיר.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם.

נאָך דער חופה צו די יויך,
האָט זיי געכאַפּט אַ קראַמף אין בויך.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ
קומט פאַר,
אַז זיי וועלן האָבן אַ שוואַרצן יאָר.
לאַם טאַ ראַ ראַ לאַם טאַ ראַם.

נ. ווירשופ.

וואַר. נ. מ. 255, 256.

VII. פאמיליען־לידער

1***

אַ יתום־ליד.

גייען און גייען צווישן די בלעטער,
אוי ווי שלעכט איז אָן אַ פעטער!
צוזאנג:
אָן אַ פעטער איינער אליין,
ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו דערגיין.

גייען און גייען צווישן די בלומען,
אוי, ווי שלעכט איז אָן אַ מומען!
צוזאנג:
אָן אַ מומען איינער אליין,
ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו דערגיין.

גייען און גייען צווישן די ימען,
אוי, ווי שלעכט איז אָן אַ מאַמען!
צוזאנג:
אָן אַ מאַמען איינער אליין,
ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו דערגיין.

2*

די ליד פון דער יתומהלע.

ליבע מוטער, פריד צו דיר,
איך בין געקומען דיר אָנזאָגן,
אַז היינט דארף זיין חתונה ביי מיר,
ביי דיין קינד, וואָס דו האָסט גע-
זויגן, געטראָגן.
איך פאַל איצט אויף די שטיינער
און טו יעדער זעמדעלע פון דיין
קבר קושן,
דיין צופוילטן קערפער מיט דיינע
צוטריקנטע ביינער,
טו איך מיט מיינע הייסע טרערן
באַגיסן.

אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט,
וואָס מיין מוטערס קערפער ליגט
דאָרט
אויף דיזן הייליקן אָרט ליגט זי
נעבעך דאָ.

כשרע זעלע, נידער פון הימל אַראָפ,
שוועב אַ ווײַלע צווישן מענטשן,
מיט דיין פייערדיקע פליגעלע טו
באַדעקן דיין קאָפ,
און קום מיר היינט צו דער חופה
בענטשן,
און זען ווי מען וועט מיר באַדעקן,
און דערלאַנגען דעם חתן די טייערע
מתנות,
קיין טרערן אין די אויגן וועט גע-
וויס ניט קלעקן,
אַז דער חזן וועט מאַכן הזכרות נשמות,
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

ווי גליקלעך וואָלט איך געוועזן
היינטיקן טאָג,
אַז דו, ליבע מוטער, וואָלסט אויף
מיין חתונה געוועזן,
אָבער ווי גרויס איז איצט ביי מיר
דער קלאָג,
אַז איך טו דיין קבר זען.
קלעזמאָרים שפילן שוין ביי מיר אין
דער היים,
און יעדער ווינשעוועט, אַז דער צוויי-
טעלע זאָל זיין געראָטן,
אָבער אַז דאָ אין דער ערד ליגט
דער גאַנצער בוים,
צופודערפ, צוטראָטן מיט ווערימלעך
באַשאָטן.
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

וועו עס איז נאָר גאַנץ די מאַשינע,
באַזיצט יעדער שרייפּעלע גאַנץ באַרוט,
פּלאַצט אָבער חלילה איינע פון די
שפּראַנזינע,
ווערט זי צושמעטערט אין דערזעלבער
מינוט.
אַזוי איז אויך ווען פאָטער און מוטער
זיינען צוזאַמען,
דאָ לעבן אַלע קינדער אין פריידן,
פעלט אָבער חלילה דער טאַטע אָדער
די מאַמע,
דאָ ליידן שוין די קינדער פיל צרות
און ליידן.
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

דאָס זעלבע, ליבע מוטער, האָט
געטאָן פּאַסירן,
מיט דיין פאַרהאָרעוועטן פאַרמעגן,
און איצט טוט גאָר די צווייטע
שטאָלצירן,
און מיר שטייט זי אַלץ אַנטקעגן.
דיין האָב איז געוואָרן אין פיל צרות
אויסגעליטן,
מיין בעטגעוואַנט איז מיר אַנגעקו-
מען מיט גרויס לייד,
מיין ווייסגרעט איז מיט קללות באַ-
שאָטן,
און מיט טרערן איז אויסגענייט
יעדער קלייד.
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

דיין נעסט האָט זיך שוין איינגע-
בראָכן,
און דו, ליבע מוטער, ליגסט דאָ
פאַרדריקט,
דיינע פליגעלעך זיינען שוין פון דיר
אָפּגעקראָכן,

און די פעדערלעך זיינען פון דיר
אויסגעפּליקט,
און איך, יונגע טייבעלע, שטיי נעבעך
און ציטער,
דען מיין מוטערס טויט האָט מיר
מיין הערץ גערירט,
דער לעבן איז מיר געוואָרן פאַר-
ביטערט,
ווייל איך האָב נאָך אַליין מיין וועלט
ניט אויסגעפּירט.
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

היינט וועט זיך שוין טאָן אָפּמעקן,
אַזוי ווי יום-כּיפּור אונזערע זינד,
גוטע זכות אָבות זאָלן זיך שוין
דערוועקן,
זיי זאָלן אויסבעטן ביטער פאַר זייער
קינד,
אַז דער ביימעלע, וואָס מען וועט
איינפלאַנצן,
און די צווייגעלעך וואָס וועלן
וואַקסן ביי דער זייט,
זיי זאָלן אויסלעבן זייערע יאָרן אינ-
גאַנצן,
זיי זאָלן ניט אָפּגעריסן ווערן אַן
אַ צייט.
(אָט דאָ איז דער הייליקער אָרט...)

מען טוט שוין באַשטימט אויף מיר
וואַרטן,
דאָ זעגן איך זיך פון דיר מיט
גרויס געוויין,
איך קוס יעדער ביימעלע פון דיין
אייביקן גאָרטן,
און מיט מיינע טרערן באַגיס איך
יעדער שטיין,

אז מיין געבעט זאָל שוין ווערן אָנגענומען,
און די הייליקע נשמה זאָל אויף איר אָרט קומען,
קומען זאָל זי אויף איר אָרט אמן,
אָמן, אָמן.

3*

סוף פון די וויגלידער 3 און 4.

בערופן האָט אים גאָט אין הימל,
קומען וועט ער נימאלס צוריק,
טאָ וויין ניט, מיין קינד, נאָר דרעמל,
דען דו ווייסט נאָך ניט דיין גרויסן אומגליק.

קיין פריידע וועסטו נימאלס געניסן,
דען מיט מיר וועסטו פארדינען דיין ברויט,
מיט טרערן וועסטו זיך שטענדיק באגיסן,
ווייל דיין פאָטער דיין יונגער איז טויט.

אויפן לעבנס-ים וועסטו טאָן שווימען,
די וואלן זיי וועלן דיך טראָגן,
צו א ברעג וועסטו וועלן צוקומען,
אָבער דו וועסט זיך ניט קענען דערשלאָגן.

אָ, יעדערער וועט דיך אוועקשטויסן,
דען דו ביסט א פרעמדער, גיי, גיין
אוי, א זיפץ וועסטו טאָן א גרויסן,
דען איך בין א יתום, אוי ווי.

4*

לעבן בית עולם אונטער א מצבה,
שטייט און קלאָגט א יונגע נקבה,
זי וויינט און קלאָגט מיט א ביטער הערץ,
ליבע מוטער, הער צו מיין שמערץ!

ליבע מוטער, דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן,
ווי מיר אלע טוען זיך קוועלן.
מיר וויינען, מיר שרייען און מיר קלאָגן,
ווען די שטיפמוטער טוט אונז שלאָגן.
אוי ווי איז צו מיינע יאָרן,
אוואו אונזער טרייע איז פארפאָרן,
הער צו, טרייע מוטער, מיינע רייד,
גיב איבער דאָרטן אונזערע לייד.

דער טאַטע איז א גוטער,
די מאַמע א מרשעת,
שילט א גאַנצן טאָג,
ס'איז פול די גאַס.

איך שטיי לעבן דיין קבר און איך ציטער,
גיב מיר אַן ענטפער, ליבע מוטער.
איך וועל בלייבן ליגן אויף דיין קבר,
ביז וואַנען עס וועט אָפשטאַרבן יעדער אבר.

מערעטש 1913.

4*

א.

די גאַס איז שוואַרץ, מיט מענטשן פול,
דער טויטער אָרון שטייט,
אַלטע ווייבער וויינען,
און מענטשן שטייען טרויעריק און שטיל.

דעם אָרון האָט מען ארויסגעבראַכט,
דער וואָגן האָט זיך שנעל געריִרט,
פון דערהויך הערט זיך,
ווי דאָס קינד וויינט און רעדט:
„אוי וויי, מאמע,
קום צוריק, מאמע,
איך וויל דיר זען,
הערסטו ניט ווי איך וויין,
עלנט בין איך ווי א שטיין!
אוי וויי, מאמע,
קום צוריק, מאמע,
איך וויל דיר זען,
איך זע, אז דו קענסט ניט קומען
צו מיר,
טאָ נעם מיר צו זיך!"

ב.

דער פאָטער האָט זיך שנעל געטרייסט,
ער האָט פארהייראַטעט באַלד,
די מאמע, זי איז אָפּגעשטאָרבן,
פון דעם קינד ווערט א תל.

די צווייטע מאמע, די מרשעת,
זי שילט זיך און זי שלאָגט,
אין די שטילע שטונדן פון דער נאַכט,
וויינט דאָס קינד און רעדט:
„אוי וויי, מאמע,
קום צוריק, מאמע,
איך וויל דיר זען,
הערסטו ניט ווי איך וויין!
עלנט בין איך ווי א שטיין!
אוי וויי, מאמע,
קום צוריק, מאמע,
איך וויל דיר זען,
איך זע, אז דו קענסט ניט
קומען צו מיר,
טאָ נעם מיר צו זיך!"

ג.

דאָס קינד איז איצט געפערלעך
קראַנק,
זי ליגט אויף איר טויטע בעט.
וואָס דאָס קינד האָט צורעדט,
האָט דאָס קיינער קיין געדאַנק.

צייט צוויי, דריי טעג, ווי דער טויט
האָט איר געמוטשעט,
קיינער האָט פון איר ניט געוואוסט,
ענדלעך איז זי אָפּגעשטאָרבן מיט די
ווערטער, וואָס זי האָט צורעדט:
„אוי וויי, מאמע,
קום צו מיר, מאמע,
איך וויל דיר זען,
הערסטו דען ניט, ווי איך וויין,
עלנט בין איך ווי א שטיין!
אוי וויי, מאמע,
קום צו מיר, מאמע,
איך וויל דיר זען,
איך זע, אז דו קענסט ניט קומען
צו מיר,
טאָ גיי איך שוין צו דיר".

5*

די לבנה זי קוקט אראָפּ בלאַס און
קאַלט,
דער הימל איז רויט אזוי ווי בלוט,
שטום ווי דער טויט שטייט דער
וואַלד,
און דער ווינט זיפצט און קרעכצעט
יעדער מינוט.

שווארצע וואָלקנס טראָגן ביטערע
טרערן,
און אין הימל קלאָגן אַלע שטערן.

אוי, שווארץ פארוויסט גייען
מענטשן דאָרט,
מען הערט נאָר פּושקעס קלינגען,
מען טראָגט א מת צום הייליקן אָרט,
און „צדקה תציל ממות“ טוט מען
זינגען.

אוי, אָנגעשפּארט אויף זיין שטעקעלע
מיט א ציטערניש,
שלעפּט זיך נאָך אָן אלטער מאַן,
ער וויינט און קלאָגט מיט א ביטער-
ניש,
אוי, צעבראָכן, קאָם וואָס ער גיט
א שפּאַן.

נאָך דער מטה שלעפּט ער זיך,
און חלשט אלע מינוט,
ווייל דאָרטן ליגט פארוויקלט אין
א טוך,
פון זיין אייציק קינד דאָס בלוט.

אוי, ער ווערט צוגאָסן פון זיין
געוויין,
ער וואָלט וועלן זיין קינדס גרוב
מיט טרערן אָנגיסן,
קינדער, זאָגט ער, מיין נשמה זאָל
מיר אויסגיין,
איך זאָל כאָטש קענען ליגן ביי מיין
קינד צופוסן.

אוי, אייז קאַלט, אייז קאַלט, ליגט
ער אין זיין געצעלט,
און די נשמה שוועבט נאָך ארום
אויף דער וועלט,
ער ליגט אצונד בשלום געוויקלט אין
ווייסע טוך,
דעם אלטן טאטנס גאָלדערנער חלום,
איז אוועקגעפלויגן אויף גיך.

אוי, דאָס איז מיין בן-יחיד, וואָס
איז מיר אזוי ליב,
זאָל אזוי גיך אין דער ערד ליגן,
— גרעבער—זאָגט ער—גראָבט א גרוב
פון מיינטוועגן,
אוי, אזא יונגער ביימעלע זאָל פאַלן
אזוי גיך פון זיין שווערד,
און אזא יונגער צווייגעלע זאָל פוילן
אזוי גיך אין דער ערד.

אוי, קלאָגט, קינדער, אויף דעם
אלטן פאָטער,
ער לייגט אין דרערד אָן אוצר ווערט,
איר האָט דאָך אויכעט קינדער צו
לייטן,
עס זאָל אייך חלילה ניט ווערן פאַר-
שטערט.

6***

אַ ליד פון אַ יידישער פרוי

זיצן זיך איך מיר
אין מיין קליינע שטיבעלע,
און איך טו זיך מיר
מיין לעבן באַקלאָגן,
וואָס מע האָט מיר
אזא מאַן געגעבן.

אליין קאָכן, באַקן,
אליין האָלץ האַקן,
ניאַנטשענען די קינדער,
יעדערן באַזונדער.

דעם שלאָפן לייגן,
דעם פארמאַכן די אויגן,
דעם פישן פירן,

דעם די קעפל שמירן,
דאָס איז נאָך ניט גאָר—
דערצו אַ ברית אַלע יאָר.

7**

אַמאָל איז געווען אַ מעשה אַזוי און אַזוי,
אַז אַ מאַן האָט אַוועקגעוואָרפן אַ יונ-
גינקע פרוי,
איז זי געגאַנגען וואַלד אויס און וואַלד איין,
ביז זי איז געקומען אין אַ געדיכטן וואַלד אַריין,
האָט זי געהערט פייגעלעך זינגען,
פון גרויס ביז קליין, פון גרויס ביז קליין,
האָט איר אָנגענומען אַ גרויס שרעק און גרויס געוויין.
איז זי ווייטער געגאַנגען ביז זי איז געקומען,
אין אַ יידישער שטעטעלע אַריין,
האָט זי דאָרט געפונען אַ יידישן מלך, אַ יידישן מלך,
האָט זי געבעטן די שליסעלעך פון די חדרים,
און האָט איבערגעלייענט אַלע גראָבע ספרים,
האָט זי גענומען בריוועלעך שרייבן,
אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל קיין עגונה ניט בלייבן.

וואר. ג. מ. 272.

8**

אויפן וואַסער ביימער וואַקסן,
אויף די ביימער עפל,
אַז דער אַלמן נעמט די מיידל,
נעמט ער איר אַראָפּ די קעפל.

אויפן וואַסער ביימער וואַקסן,
אויף די ביימער באַרן,
אַז דער אַלמן נעמט די מיידל,
הייבט זי אָן צו דאַרן.

אויפן וואַסער ביימער וואַקסן,
אויף די ביימער גדוילן,
אַז דער אַלמן נעמט די מיידל,
הייבט זי אָן צו פוילן.

9*

די שלעכטע שוויגער.

גיי איך מיר אין יאַטקע,
פאַל איך אויפן קלאַטקע,
גיי איך מיר צוריק
פאַל איך אויפן בריק.
ברענג איך פלייש,
זאָגט זי, אַז ס'איז ביינער,
טראָג איך אָפּ,
דערלאַנגט זי מיר אין די ציינער.
אוי וויי, ווי ביטער איז מיין לעבן,
איך ווייס ניט ווי מיין שוויגער כבוד אָפּצוגעבן.

האַק איך פאַרפל,
זאָגט זי, אַז ס'איז קוואַטש,
האַק איך ניט,
גיט זי מיר אַ פּאַטש.
אוי וויי, א. אז. וו.

קער איך די שטוב,
זאָגט זי, אַז איך דריי זיך,
קער איך ניט,
זאָגט זי, אַז איך פריי זיך.
אוי וויי, א. אז. וו.

ביי איך פאמעלעך,
זאגט זי, אז איך בין א למך,
גיי איך מיר אויף גיך,
צערייס איך דריי פאר שיך.
אוי ווײ, א. אז. וו.
ל א ה ת ם.

10***

מחותנתטע איר שיינע,
מחותנתטע איר פיינע,
צו אייך פארן האב איך ניט קיין מורא,
כאטיא איך האב געהערט איר זייט א שלעכטע שוויגער,
גאר איך בין אבער אויך די בעסטע סחורה.

מחותנתטע איר שיינע,
מחותנתטע איר פיינע,
אייער זון קומט אן צו מיר פאר אן איידים,
און איך גיב אייך מיין טאכטער פאר א שנור,
פאר קיין שכנים זאלט איר אים (זי) ניט באריידן.

מחותנתטע איר שיינע,
מחותנתטע איר פיינע,
מחותנתטע איר שיינע,
מחותנתטע איר פיינע,
איין זאך וויל איך ביי אייך פועלן,
אז איר וועט דערזען אן עוולה פון מיין טאכטער,
פאר קיינעם זאלט איר דאס ניט דערציילן.

דאס לידל ווערט בעזונגען מיט א ניגון אין מאריאמפאל.

איבערגעגעבן
ס א נ י ע פ ך.
פארשריבן
י. ב ר ו י ד ע ס.

11****

א שנור מיט אן איידים,
איז א פאר שדים,
א שוויגער מיט א שווער
איז נאך מער,
א שוואגער מיט א ברודער
איז א גערודער.

12

א זון איז א ברונט,
א איידים איז א הונט,
א טאכטער איז נישט,
א שנור איז מיסט.

א. ב ו ל ק י ן.

ווער. א טאכטער איז א שלים,
א שנור איז א מום.

13

דו, מיין ווייב, כלאבע די געדיכטע,
איך וועל דיר דערציילן א שיינע געשיכטע,
ניט פון היינט, ניט פון מארגן,
ווער דערשטיקט, ווער דערווארגן.
ה. ג א מ א ר ס ק י.

14*

גוט באגראבן,
גוט באגראבן,
ווער האט דיר געהייסן
חתונה האבן,
ווער האט דיר גענויט,
ווער האט דיר געניזט,

דו האָסט זיך אליין
דעם קאָפּ פארדרייט.

דאָמבראָוויץ.

15**

די ברױוועלעך פון רוסלאַנד.

אוי, מיין טייערער מאַן,
אין דער ערד זאָלסטו אריין,
און יאָרן זאָלסטו דאָרטן פארבלייבן,
וויפיל איז דער שיר,
צו בעטן זיך ביי דיר,
דו זאָלסט מיר א ברױוועלע אָנשרייבן.
איך וויין און קלאָג ביינאכט,
גאָר איך ליג און טראכט,
אפשר קאָנסטו אָן מיר ניט לעבן,
בעט איך דיר, מיין מאַן,
זאָלסט אזוי גוט זיין
און מיר אָן אנטוואָרט געבן.
אוי, די ברױוועלעך אין רוסלאנד,
זיינען פול מיט ליידן און מיט שמערץ,
מיט פיל געוויין און מיט טרערן,
קיין פריילעך וואָרט צו הערן,
אוי, די ברױוועלעך פון רוסלאנד!
הער דו נאָר, ימח־שמוניק,
אָך, דו, כל־בוניק,
ווי א פייער זאָלסטו ברענען,
א קלאָג צו דיינע יאָרן,
וואָס דו ביסט אוועקגעפאָרן
און צו מיר ווילסטו צוריק ניט קערן.
די קינדער בעטן עסן
און דו האָסט זיך שוין פארגעסן,
עס איז ניטאָ קיין ברויט צום לעבן,
פארזעצט האָב איך שוין אלעס,
אפילו דיין טלית,
און דו ווילסט מיר קיין אנטוואָרט
ניט געבן.

אוי, די ברױוועלעך פון רוסלאנד!-
שרה די גראָבע
און די שווארצע דאָבע,
זיינען שוין גליקלעך געוואָרן,
די מענער האָבן זיי באגליקט
און פיל געלט צוגעשיקט,
נאָך ניו־יאָרק זיינען זיי געפאָרן,
און איך זיץ פארשפארט
און זיץ און ווארט און ווארט,
פון דער דירה האָט מען מיר שוין
ארויסגעטריבן,
משהלע איז שלאָף,
איך קוק אויף דעם הימל ארויף
און דו ווילסט מיר קיין אנטוואָרט
ניט געבן,
אוי, די ברױוועלעך פון רוסלאנד!
אפשר האָסטו דאָרט
א צווייטע אויף מיין אָרט,
פארגין איך דיר די אמעריקאנער
גליקן,
דו זאָלסט ניט מיינען,
אז איך וועל נאָך דיר וויינען,
אָבער א גט דארפסטו מיר דאָך שיקן,
נעם איין א מיתה־משונה
אין דער גאָלדערנער מדינה,
מיר וועט גאָט א צווייטן געבן,
איך ווער פטור פון אזא צרה,
פון מיר דיין ווייב חיה־שרה,
למען־השם אנטוואָרט געבן,
אוי, די ברױוועלעך פון רוסלאנד!

(געהערט פון א היימלאָזן פון וואָל־
דאָווע (פוילן) אין מינסק, יאָר 1916)

16*

I. וואָר.

האָט א ייד א ווייבעלע,

האָט ער פון איר צרות,
האָט א ייד א ווייבעלע
טויג זי אָף כפרות.

II. וואר.
האָט א ייד א ווייבעלע,
האָט א ווייב א יידעלע,
האָט א ייד א ווייבעלע,
האָט א ווייב א יידעלע.

אזוי ווי מ׳האָט מיר חתונה געמאכט,
האָט מען פון מיר געשפּאָט און געלאכט.
האָט א ייד א ווייבעלע...

און וואס איז געווען דאָס שפּאָטן מיטן לאכן,
שרהל, מיין ווייב, קען קיין קוגל ניט מאכן.
האָט א ייד א ווייבעלע...

ווי עס איז געקומען שבת צום עסן,
האָט שרהלע דעם קוגל אין אויוון פארגעסן.
האָט א ייד א ווייבעלע...

פון מאָנטאָג אינדערפרי ביז פרייטאָג אויף דער נאכט,
האָט מיין ווייב דעם קוגעלע געמאכט.
האָט א ייד א ווייבעלע...

האָב איך גענומען א שטעקן מיט צוויי עקן,
און האָב שרהלען מיין ווייב אָנגעהויבן דעקן.
האָט א ייד א ווייבעלע...

האָט זי געכאפּט די פלייש מיט די שקראבעס,
און איז אנטלאָפן אין מקוה אויף שבת.
האָט א ייד א ווייבעלע...

אוי, מיין מאן, זאָל אזוי לעבן אויף דער וועלט,
אויב דער קוגל מאכן קאָסט מיר א גראָשן געלט.
האָט א ייד א ווייבעלע...

האָב איך אָנגעהויבן צו טראכטן, צו דענקען,
ווי אזוי מ׳זאָל שרהלען צוריק אהיים ברענגען.
האָט א ייד א ווייבעלע...

אוי, מיין מאן, א ריס דיר אין לייב,
צוליב א קוגל מאכן שניידט מען אזוי א ווייב.
האָט א ייד א ווייבעלע...

האָב איך שרהלען צוריק אהיים געבראכט,
און בין מיט איר שפּאצירן געגאנגען א גאנצע נאכט.
האָט א ייד א ווייבעלע...

17****

ביי ר׳ לייבן גייט שיין צו,
ווען מ׳דארף עסן,
שטעלט מען צו;
ווען מ׳דארף טרינקען,
שיקט מען נאָך מעד און וויין,
ווען מ׳דארף שלאָפן,
פאלט די בעטעלע איין.

18****

אנשטאָט קופּער אנשטאָט צין

העגגט אויפן וואנט א קרענאַלין,
שאַ, מיין טאָכטער, ניט וויין,
איך וועל דיר מאכן א ספּאָדניצע
פון ביין,
וועסטו מאכן ווי די גבירישע קינדער.

19****

דער שיכּור.

אַ אָרימאַן האָט זיך אָנגערופן
צו זיין ווייב מיט שכל:—
„איבעריקע געריכטן
בין איך דיר מוחל,
דו זאָלסט אָפּשפּאָרן
פון יעדן געריכט,
פון פיש, פון פלייש,
פון קאשע, פון ליכט,
ביי מיר איז דאָס דער רעכטער עיקר,
שבת צום טיש
זיין א ביסל שיכּור"
האָט ער זיך גענומען
בראנפן א ביסל,
האָט ער באַקומען אַן אַפּעטיט,
ער כאַפּט זיך צום שיסל
ער געפינט גאָרניט.

20****

פאַרטאָג, פאַרטאָג,
דעם שיינקעלע טו איך ניט פאַרמיידן,
די ווייב זי וויל ניט ליידן,
גוואַלד, א שנאַפּס מוז זיין!
אפשר האָב איך געזינדיקט,
געזינדיקט מיט דערמיט,
האָב געטרונקען געטרונקען,
פאַרביסן האָב איך ניט.
א גענזעלע א פרישע
און בראנפן אויפן גלאָז.
גוואַלד, דאָס איז ניט קיין מיאוסע
וואו נעמט מען דאָס?

ח. לונסקי.

21*

דאָס ליד פון דעם יתום.

עס בלאָנדזשעט ארום א מענטש אויף
דער וועלט,
ער גייט פון לאַנד צו לאַנד,
ער ליידט געבעך הונגער און קעלט,
. . . צו שפּאָט און צו שאַנד.

קיינער האָט מיט אים קיין מיטלייד ניט,
קיינער האָט אים ניט ליב,
מע דריקט אים, מע שטיקט אים
אויף יעדן טריט,
מע לאָזט אים ניט אריין אין קיין
שטיב,

—ווער ביסטו עלנטער?—פרעגט מען
אים.
וואָס האָסטו ניט קיין באַרוף?
איין תירוץ ענטפערט ער אומעטיק:
ווייל איך בין א יתום, מיין פאָטער
איז ניטאָ! (2)

ניט אלע מאָל בין איך עלנט געווען,
ניט שטענדיק האָב איך אומגליק
געפילט,
מיט יאָרן צוריק ווען איר יואָלט
מיר געזען,
וואָס פאַר א ראָלע איך האָב גע-
שפּילט.

מיין פאָטער האָט מיך צערטלעך
געליבט,
אין גאָלד האָט ער מיר געקליידט.

ווען דאַן האָט מיר נאָר איינער באַטריבט,
זאָ איז שוין דער שטראָף פאַר אים געווען גרייט.

ווי אַ שיינע בלום האָב איך געבליט,
איך האָב ניט געוואוסט פון קיין שלעכטער שעה,
יעצט פאַרגיסט מען ווי וואַסער מיין בלוט,
וויל איך בין אַ יתום, מיין פאָטער איז ניטאָ!

אַ נאָמען האָב איך דאַן געהאַט אויף דער וועלט,
פאַר מיר האָבן זיך פירשטן געבויגן,
די שענסטע דאַמען מיט פיל געלט,
האָבן מיך צו זיך געצויגן.
אין גילדערנע פּאַלאַצן האָב איך מיר געוואוינט,
אַלע האָבן מיר חניפה געגעבן,
אַזוי ווי אין אַ קיניגלעכן קרוין וואַר איך באַקרוינט,
איך האָב פאַרבראַכט אַ גליקלעכן לעבן.
דער גליקלעכסטער בין איך דאַמאָלסט געווען,
איך בין דיקער געוואָרן אין יעדער שעה,
יעצט מוטשעט מיר יעדערער ווער נאָר קען,
ווייל איך בין אַ יתום, מיין פאָטער איז ניטאָ!

ווען די וועלט איז נאָך געווען בלינד,
אַלע זייגען נאָך אין דער פינסטער געזעסן,
ווען מ׳האָט נאָך צו אָקסן געדינט,
איינער דעם צווייטן האָט געגעסן,
דאַמאָלסט בין איך שוין קלוג געווען,
איך האָב דערקענט דעם גרויסן גאָט,
וועלכער עס פירט די וועלט גאַנץ שיין,
שאַפט איבער לעבן און טויט,
איך האָב אַלעמען צו פאַרשטיין געגעבן,
אַז גאָט הערשט אין הימל און דאָ,
און יעצט פאַרוויסטן מיר אַלע מיין לעבן,
ווייל איך בין אַ יתום—מיין פאָטער איז ניטאָ!

אַך, האָט רחמנות, מענטשן, האָט מיטלייד מיט מיר,
גענוג שוין צו טרינקען ווי וואַסער מיין בלוט,
עפנט שוין אויף פאַר מיר די טיר,
און לאָזט מיר אַריין אין אַ שטוב.

איר באַטראַכט זיך נאָר מיט אַ ריי־נעם פאַרשטאַנד,
פאַרוואָס דריקט איר מיר פון זיך אַוועק,
שטרעקט מיר אויסעט פריינדלעך אַ האַנט,
און מאַכט שוין צו מיינע צרות אַן עק

איך וויל אַרבעטן, פאַרדינען מיין ברויט,
לאָזט מיר כאָטש האָבן איין גוטע שעה,
האָט רחמנות, דען איך בין שוין האַלב טויט.

אוי, איך בין אַ יתום, מיין פאָטער
איז ניטאָ!

דאָס ליד איז געווען זייער פּאָפּולער אין די 90-טע יאָרן פון פאַריקן י. ה. איבערגעגעבן דאָס ליד האָט מיר מיינער אַ שילער. זיין מוטער פלעגט דאָס אַמאָל זינגען. אייניקע פערזן פון דעם ליד האָב איך אויך געהערט פון אַנדערע.

22*

די שטיפמוטער.

עס איז געקומען די הייליקע טעג,
בין איך געפאָרן אויף קבר־אָבות,
עס איז געקומען אין מיטן וועג,
האָב איך פאַרגעסן מיינע מחשבות.

עס איז מיר געוואָרן שלים
און עס ציטערט אין מיר יעדער אבר,
הער איך איין טרויער שטים
פון אַ פרישן קבר.

די שטימע איז מיר באַקאַנט,
פון איין יונגע קינדעטאָרן,
וואָס זי האָט ניט לאַנג, ניט לאַנג
אַ קינד געבאָרן.

די ליגט זיך אין איר הייליקן אָרט,
און זי זינגט זיך לידער,
און ווי איך וויל נעענטער צוגיין,
ציטערט מיר אבר און גלידער.

וואו איז דאָס מיין קינד,
וואָס איך האָב אים בעזוינגן,
וואו איז מיין הויזגעזינט,
היאָרים קומען זיי מיר ניט איבער־
לייגן.

אויך דו, מיין מאַן, דו גוטער,
ווי קענסטו אַן מיר לעבן,
דיינע קליינע יתומים,
צו אַ צווייטע שטיפמוטער אָפּגעבן.

אַז מיין קינד פלעגט זיך איינשפּאַרן,
אַז זי וויל אַ טעלער צוברעכן,
ווענמען פלעגט דאָס צרן,
גאָר זי זאָל באַטש די הענטעלעך
ניט פאַרשטעכן.

יעצט אַז מיין קינד טוט אַן אַ שאָדן,
דאַרף זיין דער הימל אָפן,
די שטיפמוטער טוט זיך אין זיינע
טרערן באָדן,
אויף בעסערס איז ניטאָ צו האָפן.

נ. ווירשופ.

23*

איך טו יעצט אַרויסגעבן איין ליד,
איין טראַגעדיע שפּיל,
די ביאָגראַפיע פון מיין לעבן צו
דערציילן איז פאַראַנען זייער פיל,
פיל צרות אין דער וועלט איז פאַראַנען,
וואָס אַ מענטש איז שולדיק אין
דערינען,
צו יעטווידער שמערצונג, צו יעטווי־
דער פיין מוז מען טרייסט געפינען,
איך האָב אויך אַמאָל געהאַט ליידן
און איך דערצייל דאָס אין פריידן,
און איך פריי מיר ווען איך זינג
מיר דאָס ליד,
און זינגט איך וועל לעבן, וועל איך
אַלע מאָל אַרויסגעבן,
און איך וועל קיינמאָל ניט ווערן מיד,
אוי־אוי־אוי, עס איז ביטער ווי דער
טויט.

צו בלייבן א יתום קליינערהייט.

אז מיין מוטער האט מיר געבארן,
איז זי אלט געוועזן 40 יאר,
און אז זי איז אין רוהע געפארן,
א יתום האט זי מיר געלאזן גאר.
אין פרעמדע הענט בין איך אנגעקומען,
ביי די אם בין איך געוועזן א צייט,
מיין פאטער האט שוין א צווייטע פרוי גענומען,
און האט שוין גארניט געקוקט אין מיין זייט.
א קינד פון דער וויג בין איך געוועזן קליג,
איך האב פארשטאנען, אז איך האב ניט קיין מוטער,
איך האב אויסגעפלאצט מיט א געוויין,
און קיינער האט גארניט געקענט פארשטיין,
אוי, ווי מיר איז דאמאלסט געוועזן ביטער,
אוי-אוי-אוי! עס איז ביטער ווי דער טויט,
צו בלייבן א יתום קליינערהייט.

ווי איך בין עלטער געווארן, האט
מען שוין מיר פון דער אם געבראכט,
א מיטל האט די שטיפמוטער מיר געזוכט צו פארדארבן,
אז איך זאל ניט זיין מיט אירע קינדער גלייך.
קללות האט זי געגעבן וויפיל אין דער וועלט איז פאראנען,
אנשטאט עסן האט זי געגעבן קלעפ א סך,
און אז א מוטער איז ניט דערביי,
איז שוין דער פאטער ניט געטריי,
איר קענט זיך פארשטעלן ווי מיר
איז דאמאלסט געוועזן ביטער,
אויי-אוי-אוי, עס איז ביטער ווי דער טויט,
צו בלייבן א יתום קליינערהייט.

ווי איך בין דרייצן יאר אלט געווארן,
איז מיר געוועזן פינסטער און ביטער,
די שכנים פון גאס האבן מיר עצות געגעבן,
אז איך זאל מיין ברויט פארדינען.
— פאר אוועק וואו דיינע אויגן וועלן דיר טראגן,
אומעטום איז דאך דא א וועלט,
זי דארפסט דאך די שטיפמוטער האבן אף קלאגן,
וואו דו וועסט קומען וועסטו פארדינען דיין געלט.
ווי איך בין געקומען צו א שטאט,
איך לויב און דאנק גאט,
וואס איך בין פטור געווארן פון אזא טיראן,
אוי-אוי-אוי, גוואלד, עס איז ביטער ווי דער טויט,
צו בלייבן א יתום קליינערהייט.

VIII. פריזיוו-און סאלדאטן-לידער.

1.

א.

זיי זיך מיר געזונט, מיין ליבסטער פאטער,
אוי וויי, גוואלד!
אט ערשט וועסטו זיין אויף דריי יאר פטור,

אוי וויי, געוואלד!

ב.

זיי זיך געזונט, מיין ליבסטע מוטער,
אוי וויי, געוואלד!
ביי דיר בין איך געוועזן דער בע-
סטער און דער גוטער,
אוי וויי, געוואלד!

ג.

זיי זיך געזונט, מיין ליבסטער ברו-
דער,
אוי וויי, געוואלד!
נאך מיר זאל זיין קיין גערודער,
אוי וויי, געוואלד!

ד.

זיי זיך געזונט, מיין ליבסטע שווע-
סטער,
אוי וויי, געוואלד!
ביי דיר בין איך געוועזן דער גוט-
סטער און דער בעסטער,
אוי וויי, געוואלד!

ה.

זיי זיך געזונט, מיין ליבסטע כלה,
אוי וויי, געוואלד!
נאך דיר וועל איך בענקען מער ווי
נאך אלע,
אוי וויי, געוואלד!

ו.

זייט זיך געזונט, מיינע ליבסטע
שכנים,
אוי וויי, געוואלד!
א טייל וועלן לאכן, א טייל וועלן
וויינען,
אוי וויי, געוואלד!

ווער. ג. מ. 345.

2**

ווא ריאנט.

א.

זיי שוין געזונט, מיין טייערער פאטער,
אוי וויי, געוואלד!
דו ווערסט דאך שוין פון מיר אין
גיכן פטור,
אוי וויי, געוואלד!

ב.

זיי שוין געזונט, מיין טייערע מוטער,
אוי וויי, געוואלד!
מיר איז דאך שלעכט און דיר איז
דאך ביטער,
אוי וויי, געוואלד!

ג.

זיי שוין געזונט, מיין טייערער ברו-
דער,
אוי וויי, געוואלד!
מאך ניט קיין רעש און קיין גערו-
דער,
אוי וויי, געוואלד!

ד.

זיי שוין געזונט, מיין טייערע שווע-
סטער,
אוי וויי, געוואלד!
דו ביזט דאך ביי מיר דאס שענסטע
און דאס בעסטע,
אוי וויי, געוואלד!

ה.

זיי שוין געזונט, מיין טייערער פע-
טער,
אוי וויי, געוואלד!
מיר וועלן זיך זעגענען ביידע שפע-
טער,
אוי וויי, געוואלד!

ו.

זיי שוין געזונט, מיין טייערע מומע,
אוי וויי, געוואלד!
איך פאר שוין אוועק אין א ווייטע מדינה,
אוי וויי, געוואלד!

ז.

זיי שוין געזונט, מיין טייערער זיידע,
אוי וויי, געוואלד!
מיר זעגענען זיך שוין אפ אף אייביק ביידע,
אוי וויי, געוואלד!

ח.

זיי שוין געזונט, מיין טייערע באבע,
אוי וויי, געוואלד!
מען טוט דאך מיך שוין אן א סאל-דאטסקע גארדעראבע,
אוי וויי, געוואלד!

ט.

זיי שוין געזונט, מיין טייערע כלה,
אוי וויי, געוואלד!
נאך דיר וועל איך בענקען מער ווי נאך אלע,
אוי וויי, געוואלד!

3*

פרייטאג צו נאכט עסט מען פיש,
אוי וויי, געוואלד!
מע טרייבט אונז אוועק פון טאטנס טיש,
אוי וויי, געוואלד!

פרייטאג צו נאכט עסט מען צימעס,
אוי וויי, געוואלד!
מע טרייבט אונז אוועק אין די ווייטע מדינות,
אוי וויי, געוואלד!

פרייטאג צו נאכט עסט מען לאקשן,
אוי וויי, געוואלד!
מע טרייבט אונז אוועק אזוי ווי די אקסן,
אוי וויי, געוואלד!

פרייטאג צו נאכט עסט מען פלייש,
אוי וויי, געוואלד!
עס גיסט זיך פון אונז טרערן און שווייס,
אוי וויי, געוואלד!

וואר. כהן II סאלדאטן-לידער 7.

4****

איך זיץ אין צימער און קלער מיר,
פלוצלונג קלאפט מען אין טיר,
די דיגעס מיט די פיקעס אנטקעגן מיר.
זייט געזונט, פאטער און מוטער,
איך ווער פון דער ליכטיקער וועלט פטור.
זייט געזונט, שוועסטער און ברידער,
מיר וועלן זיך שוין ניט זען ווידער.
א שרעק, א שרעק, איך האלט ניט אויס,
איך לאז יתומים, ווי די וועלט איז אויס.

5**

ווי דער נאבאר איז געקומען,
געקומען זיינען אלע פארגיסן טרערן הייסע,
פון קולות און געשריין
קען יעדערער פארשטיין,
אז דאס רופט זיך אן פרייאס.
עס קומען אזוינע
רייכע און געמיינע.

עס קומען פון דער גאנצער וועלט,
מען בראַטיעט די געשעפטן
און מען בלייבט אָן קרעפטן,
עס קאָסט אָפּ אייגנסן געלט.
מען האָט מיר אויך ניט פאַרפעלט,
אונטערן מאָס אַרונטערגעשטעלט,
מיט אַ ברעטל מיין קאָפּ צוגעדריקט,
איך האָב שוין ניט קיין כּוח,
עס שפּאַלט זיך מיר דער מוח,
און איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך טאָן,
מען האָט מיר אריינגעשריבן אין די ביכער,
איך זאָל לויפן וואָס גיכער,
איך זאָל זיין צוגעגרייט, וואָס שנעלער אַהין,
ס'איז אַ גזרה מן השמים,
און אַ דין פון ירושלים,
אַז מ'מוז דינען דעם קייסער גיין.

ל. געלפעלד
ווילנע.

6*

ווי איך בין איינאונצוואַנציק יאָר געוואָרן,
האָט מיר גענומען מיין מוח שפּאַלטן,
צי זאָל איך זיין אַ סאָלדאַט,
צי זאָל איך זיך פאָרן באַהאַלטן.

מיינע עלטערן האָבן מיר געהייסן,
פאָרן אין די ווייטע לענדער,
אַז איך זאָל ניט דאַרפן זיין קיין סאָלדאַט
און ניט טראָגן די סאָלדאַטסקע העמדער.

ווי מ'האָט מיר צום פּריאָם אַרויפגעפירט,
האָט מען געגעבן אַ קוק אויפן טיש,
מע האָט זיך מיר געהייסן אויסטאָן,
איז מיר געוואָרן שוואַך מיינע פיס.

ווי דער פּריִאָמשטשיק איז צו מיר צוגעגאַנגען,
האָט ער דערלאַנגט אַ געשריי „פּריניאַט",
אוי, דאָ בין איך שוין אין זיין נעץ געפאַנגען,
איך האָב שוין דעם נאָמען סאָלדאַט.

ווי מע האָט אונז אין קאַזאַרמע אריינגעבראַכט
און מע האָט אונז געלייגט שלאָפן,
אַזוי האָט מען איבער אונז אַ פּאָ־
ווערקע געמאַכט,
צי איז איינער פון אונז ניט אַנט־
לאָפן.

און אַז איך בין אינדערפרי אויפ־
געשטאַנען,
די זייטן טוען מיר וויי,
איך ביי אַרום מיט אַ צעבראָכענעם
קערפּער
פון די נאַרע—סעניק מיט שטרוי.

ווי מען האָט מיר אין באַרקוכנע אריינגעפירט,
און מע האָט מיר געגעבן עסן,
אוי, אַז איך האָב אינדערהיים אַ כּלה געלאָזן,
ווי קען איך זיך אָן איר פאַרגעסן.

אַך, עס איז ניטאָ די מינוט און די ווײַלע,
וואָס דו גייסט מיר פון זינען אַרויס.

אַז איך דערמאָן זיך דאָס מיר קאָנען זיך ניט זען,
גייט אין מיר מיינע כוחות אויס.

IX. היסטארישע לידער.

1*

איך גיי אַרויס אויפן גאַס,
די אייגעלעך נאַס,
דאָ זיצט אַ מיידל אַ שיינע.
אַך, דו מיידל, וואָס ביסטו אַזוי איידל,
וואָס איז אַזוי טרויעריק דיין מינע?
דיין שיינע פיגור,
דיין אַדעלע נאַטור,
דו פּאַסט גאָר צו זיין אַ קצינה.
אַך, אין קיעוו געבאָרן, ערצויגן געוואָרן
אויף דעם שענסטן אָרט,
אין דאָ געבעך פאַר שאַנד
שטעל איך אויסעט מיין האַנט
צו בעטן אַ נדבה געלט.
אַך, גאָט, דערבאַרים זיך איבער מיין עלנט,
און גיב מיר אַ בעסערע וועלט,
אוי, די ווילדע קאַצאַפּעס
מיט זייערע לאַפּעס, זיי האָבן אַלעס פאַרדאָרבן,
די הויז צעבראָכן, דעם פאָטער דער-שטאָכן,
די מוטער איז פון שרעק געשטאָרבן,
דער ברודער פון צאָרן אַנטלאָפן געוואָרן
און ער האָט אויך אַ מערדער דער-שאָסן,
אַך, רואיק לעבן, עס קען דאָך ניט געבן,
מע האָט אים אין קייטן געשלאָסן (2).

וואר. ג. מ. 58, 59.

*) ווייזט אויס, אַז דאָס ליד איז פון דער צייט פון די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד.

2*

דער מסור.

דער אַנגליטשאַן אַליין,
מיט זיינע שאַרפע ציין,
איינגעבייסן האָט ער דאָך געוואָלט אונז אַלעמען.

האָט גאָט געטאָן אַ נס,
אַז אין איין מעת לעת
איז ער געגאַנגען אַ כפּרה פאַר אונז אַלעמען.

צוזאַנג:
אוי וויי, מנוחה,
אוי וויי, שמחה,
איז ליהודים.

דער אַנגליטשאַן מיטן באַלעבאָס,
האָבן געטרונקען פון איין גלאָז,
די ערשטע פּוליע האָט ער דאָן געכאַפּט אין נאַז.
צוזאַנג.

דער אַנגליטשאַן מיטן באַלעבאָס,
זיינען געשטאַנען הינטערן טויער,
די אַנדער פּוליע האָט ער דאָך גע-כאַפּט אין אויער.
צוזאַנג.

דער אַנגליטשאַן דער העלד,
ער רייסט זיך אויפן פעלד
און ער מסרט דאָך אַלעמען,

יעצט ליגט ער אויסגעצויגן,
פאר אונזערע אויגן,
און מיר לאכן פון אלעמען.

עס איז דאָך שמחה,
עס איז דאָך מנוחה,
מנוחה, שמחה, ליהודים.

ג. וויירשופ.

באמערקונג: דאָס ליד פון דעם מסור פלעגט מען זינגען אין ווילנע אין די יאָרן 1901—1902. אין דער פאָרשטאָט נאָוואָגראָד האָט דאַן געוואוינט איינער אַ מסור, וואָס מ'האָט אים גערופן מיטן צונאָמען „אנגלימשאַן". דער אנגלימשאַן איז געווען אַ גבור און אלע האָבן מורא אים געציטערט.

3*

דער פאָגראָם אין אָדעס.

ווער ס'האָט די בלאַט געלעזן,
פון דער בארימטער שטאָט אָדעס,
וואָס פאר אַן אומגליק ס'האָט גע-
טראָפן
אין איינע צוויי דריי מעת-לעת.
(2 מאָל).

פלוצלונג האָט מען אויסגעשריען:
„שלאָגט דעם יידן ווי ווייט איר
קענט!"
פוליעס אין די פענסטער האָבן גע-
נומען פליען,
דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעפאנגען
אין איין מאָמענט.

קינדער האָט מען פון די פינפטע
עטאזשן געוואָרפן,
נאָר ניט אריינצוגעבן אין די מער-
דערישע הענט,
מענטשן געהרגעט, אויף טויט גע-
שאָכטן,
און מיט די בלוט האָט מען גע-
שמירט די ווענט.

דאָרטן ווייס אויף די הארטע שטיי-
נער,
ליגט אַ כלה אין חופה-קלייד,
און לעבן איר שטייט אַ מערדער
איינער,
און מיטן חלף אין האַנט געגרייט.

דאָרטן ליגט אַ פרוי אַ שיינע,
ווייט פארוואָרפן אויפן מיסט,
און לעבן איר ליגט אַ קינד אַ קליינער,
און זויגט אירע טויטע קאַלטע בריסט.

4*

די מאָביליזאַציע.

(פון דער צייט פון דער יאפּאנישער
מלחמה 1904).

איך בין פון שטוב ארויסגעגאנגען,
אויפן גאס איז געווען אַ יאָמער
און אַ קלאָג,
מיט אַ גלעקעלע האָט מען אָנגע-
קלונגען,
אַ מאָביליזאציע אָביאַוועט אין אַ טאָג.

פארקילט איז געוואָרן אין מיר
יעדער אבר,
אַ שוויס האָט אָנגעהויבן רינען,
קלייבט שוין צונויף אונזערע אַלע
גוטע ברידער,
דעם קייסער נאָכאַמאָל צו דינען.

מיינע ביינדעלעך זיינען אַלט און
קראַנק און שוואַך,

די יאָרן איז שוין אויך ניט דערביי,
צו ליגן אין קאַזאַרמע אויפן היילן באַנק,
דעם קייסער צו דינען טריי.

מע שיקט מיר פון קאַזאַרמע רופן,
איך טאָר זיך ניט דערוועגן צו זאָגן „ניין“,
מע גיט מיר אַ ביקס צו שיסן,
אַ פּאַפּאַכע אויף לאַנגע יאָר צו גיין.

אָט דאָס, זאָגט מען מיר אָן, וועט זיין דיין באַהיטער,
פון דיין הויזגעזינט מעגסטו זיך שוין פאַרגעסן,
פאַרוואָס זאָל דאָס זיין מיין לעבן אַזוי ביטער,
טייכן טרערן טוען זיך באַגיסן.

טאָ ווייַנט זשע, ברידער, אַלע,
אפשר וועט זיך גאָט אָפּרופן,
עס ווערט צעשיידט מאַן און ווייב, חתן—כּלה,
פון יעדן מענטש ווערט אַ תּל אַצינד.

טאָ ווייַנט זשע, ברידער, אַלע אין איין קול,
אפשר וועט זיך גאָט אָפּרופן,
מע שיקט מיר צוועק צו מזרח-זייט,
ווער ווייס וועמען דאָרט זוכן.

X. אַרבעטער-לידער.

1*

בעת ביי דערונטשען
איז געווען אַ באַראַטשקע,
אַזוי האָבן די אַרבעטער
גערעדט צו מאַכן אַ סטאַטשקע.

ווי דערונטשע האָט דערהערט,
אַז זיי ווילן אַראָפּגיין פון פאַבריק,
אַזוי האָט ער זיי אָנגעזאָגט,
אַז ער וועט זיי ניט נעמען צוריק.

דאָנערשטאָג צו פרישטיק
זיינען אַלע געגאַנגען עסן,
„גיט אונז די פּעסער,
מיר ווילן מער ניט טאָן“.
„גיט אונז די פּעסער“,—
אַלע מיט איין גערודער:
עס האָבן זיך צעבונטעוועט
די שוועסטער מיט די ברידער.

ווי דער אינספּעקטאָר
איז אַריין אין פאַבריק,
„אַרעסטויטע בונטאָוושטשיקאָוו,
אַרעסטויטע סקאָרעי“,
און אַלע האָבן זיך
פון אים אויסגעלאַכט,
און דאָנערשטאָג ביינאַכט
האָבן זיי אַ סטאַטשקע געמאַכט.

— „אַ רובל אַ דאַבאַווקע,
דער פאַבריק זאָל ניט שטיין“,
— „און אויב איר וועט געבן צוויי,
וועלן מיר אַרבעטן גיין“.
— „כ'בין אַ באַלעבאָס
און קען אייך ניט פאַרפירן,
איך בין הער דערונטשע
איך קען אייך אַרעסטירן“.

— אַ באַלעבאָס און אַ הונט
איז ביי אונז גלייך,
ער מיינט, אַז מיר וועלן האָרעווען,
און ער וועט ווערן רייך.

טוביה גרוזינער
ווילנע.

וואר.

2*

בשעת ביי דערונטשען איז געוואָרן
א גאראטשקע,
דאן האָבן אלע ארבעטער געמאכט
א סטאטשקע.
און ווי ער האָט דערהערט, אז זיי
וועלן אראָפּגיין פון פאבריק,
אזוי האָט ער געזאָגט „איך נעם
ניט צו צוריק!"

ווי דער אינספּעקטאָר איז אין פאב-
ריק אריינגעגאנגען,
„בעריטע איך, בונטאָווּשטשיקאָוו, בע-
ריטע איך סקאָרעי!"
דאָ האָבן מיר זיך אלע פון אים
אויסגעלאכט,
און דאָנערשטאָג בייטאָג האָבן מיר
א סטאטשקע געמאכט.

און דאָנערשטאָג בייטאָג זיינען מיר
געגאנגען עסן,
„גיט אונז די פעסער, מיר ווילן
מער ניט טאָן",
גיט אונז די פעסער—מיט א טומל
און גערודער,
דאָ האָבן זיך צעבונטעוועט די
שוועסטער מיט די ברידער.
„גארישע מיידלעך, וואָס שטייט איר
פאר מיין מיר,
א רובל א דאבאַווקע, קומט ארבעטן
צו מיר!
א רובל א דאבאַווקע, די פאבריק
זאָל ניט שטיין!"
— גיט אונז צוויי, וועלן מיר אר-
בעטן גיין.

— „איך בין א באַלעבאָס, איך וועל
אייך ניט פארפירן,
איך בין הער דערונטשע, איך קען
אייך ארעסטירן".
—„א הונט און א באלעבאָס איז ביי
אונז גלייך,
ער מיינט, אז מיר וועלן האָרעווען
און ער וועט ווערן רייך!"

זונטאָג אינדערפרי לויפט דערונטשע
ווי א הונט,
וואָס זאָגט איר אויף מיינע ארבעטער,
זיי האָבן געמאכט א בונט און זיי
ווילן מער ניט טאָן,
זיי פאָדערן אלע פאָדערונגען אלע
מיט איין מאָל.

מיטגעטיילט מ. חיימסאָן.

3*

ליד פון דערונטשעס פאַבריק.

פון אינדערפרי ביז באַדערנאכט,
זיץ איך מיר צום טיש צוגעשמידט,
עס נעמט מיר אָפּ די הענט און פיס,
און דעם ציל מוז איך מאכן!

צום ציל, אז עס פעלט א מאה,
ענדיקט זיך די גאנצע וועלט,
דער באַלעבאָס גייט אריין מיט דער
ברייטער דעה:
„קינדערלעך, איר נעמט אומזיסט
געלט!"

איר האָרעוועט זיך אָפּ אייער צייט,
איר גייט ארויס פון פאבריק,
„א שפּאַס, די פאבריטשנע לייט,
זיי גייען שוין צוריק!"

אַט גייען א פּאָר יוריסטן,
געווים ניט איבעריגעביסן,

זיי האָבן עטלעכע גראָשן
און קויפן פּאַפּיראָסן.

אַט גייט אַ ייִנגעלע פון תלמוד־תורה,
און עסן האָט ער ניט וואָס,
אויפן צורקעלע ליגט די תורה,
און אַלץ אַ פּאַפּיראָס.

מיטגעטיילט נ. ווירשופּ.

4*

קאַרמאַניאָל.

(אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישע).

געזונגען אין ווילנע אין די יאָרן
.1907—1905

— וואָס באַגערן די אַרבעטסלייט?
וואָס באַגערן די אַרבעטסלייט?
— אַז די וועלט זאָל זיין באַפרייט!
אַז די וועלט זאָל זיין באַפרייט!
ניט קיין גאָט און ניט קיין צאַר,
ניט קיין קנעכט און ניט קיין האַר,
קיין מיניסטער און קיין גזרו!
לאָמיר זינגען קאַרמאַניאָל, קאַר־
מאַניאָל,
לעבן זאָל דער גראַנאַט.
און אַ שאָס פון האַרמאַט,
מיט דעם גראַנאַט
מיט דעם גראַנאַט!

ס'וועלן זיין,
ס'וועלן זיין,
אַלע גבירים אויף דער תליה!
ס'וועלן זיין,
ס'וועלן זיין,
אַלע רויבער אַן עליה!
און אַ שאָס פון האַרמאַט
מיט דעם גראַנאַט.

פאַר דעם הער פון מערדעריי,
האָבן מיר אַ קויל פון בליי,
און פאַר זיינע ווילדע קנעכט,
איז אַ באָמבע אויך ניט שלעכט.

לאָמיר זינגען קאַרמאַניאָל,
לעבן זאָל דער גראַנאַט,
און אַ שאָס פון האַרמאַט,
מיט דעם גראַנאַט,
מיט דעם גראַנאַט!

מיטגעטיילט נ. ווירשופּ.

5*

דער ערשטער מאַי.

ווי עס איז געקומען דער ערשטער
רוסישער מאַי,
אַראָפּ ווישיסטקע סוועטע גאָס—
האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ,
אויף אַלע מענטשן איז אַ באַפריי־
הייט געקומען,
נאָר קאָנסטאַנטין האָט אַ קלאַפּ גע־
כאַפּט.

ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנ־
גען,
געגאַנגען איז ער אויפן טויט,
מיט די חברים האָט ער זיך גע־
זעגנט,
און מיט די באָמבע אין האַנט גע־
גרייט.

ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנ־
גען,
באַגעגנט האָט ער דעם טיראַן,
מיט די באָמבע האָט ער אים צו־
שמעטערט,

אַליין איז ער אין טראַמוויי אַריין.

ברוך שולמאַן איז אין טראַמוויי גע-
זעסן,
דערהערט ער פּלוצלונג אַ געשריי,
„ברוך, ברוך, וואו לאָזטו מיר איבער,
איינער אַליין צווישן די פּאָליציי“.

ברוך שולמאַן האָט דאָס דערהערט,
צושראָקן איז ער געבליבן שטיין,
אַרויסגענומען האָט ער דעם רע-
וואָלווער,
געשאָסן די טיראַנעס און זיך אַליין.
וויינט ניט, שוועסטער,
וויינט ניט, ברידער,
וויין ניט מאַמע אויף דיין קינד,
אז עס פאַלט, פאַלט דער בעסטער,
דער וואָס האָט אונז טריי געדינט.

אויף זיין קבר וועט וואַקסן בלומען,
די רויטע פאַנע וועט שטיין אין
בלאַנק,
די רויטע פאַנע וועט ראַכע נעמען,
פאַר ברוך שולמאַן דעם באַוואוסטן
העלד.

ברוך שולמאַן איז
משמעות געווען איינער פון די
אנאַרכיסטן.

XI. יום-טוב-לידער.

1*

פּ ו ר י ם.

פּורים באַטייט,
טיילן גרימעלייט,
גרימע לייט טיילן,
ב‍ילבעס שיילן,
שיילן בולבעס,
ברעכן קולבעס,
קולבעס ברעכן,
די הענט פאַרשטעכן.

קאַברינסקי.

2*

המן איז געווען...

המן איז געווען
אַ הונט מיט שאַרפע ציין,
בייסן האָט ער אונז געוואָלט אמאָל,
בייסן האָט ער אונז געוואָלט אמאָלן
איז אַ נס געשען,
ער איז אַליין געווען
די כפּרה.

איז געווען פאַר כל ישראל,
איז געווען פאַר כל ישראל,
איז געווען מנוחה,
איז געווען אַ שמחה,
על היהודים,
אויף, אויף, אויף—
אויף כל ישראל!

. . . .
. . . .

מעזעטש, ווילנ. גוב. 1912

3***

ערב-פּורים.

ווי עס קומט דער הייליקער פּורים,
פאַרגעסן די ווייבער אַן אַלע יסורים,
זיי טועַן לעקן און נאַשן
די מאָז פון די המן-טאַשן.

יערלאַנג שוין, מיין ווייב, די פולע
פלאַש,

דערלאַנג שוין פאַרבייסן דעם המן-טאַש.
זי לויפט צום אויוון מיט א געריש—
פאַרסמאַליעט געוואָרן דער המן-טאַש.

זי איז געוואָרן שוואַרץ ווי א במורע,
דערלאַנגט איר א פּאַטש איבערן צורה.
— אוי, מיין מאַן, היינט בין איך
ווערט,
דערווייל איז מיר דער פאַטש
באַשערט.

געהערט פון לאה תּם
פאַרשר. דורך י. ברוידעס.

4***

ווי עס קומט פּסח,
זיצן מיר ביים סדר.
די מאַמע איז א מלכּה,
דער טאַטע איז א מלך.

עסן עסן מיר
גאַנץ געשמאַק,
טאַנצן מיר א לעבעדיקן
האָפּ טשאַק טשאַק.

די קינדערלעך שטייען אין געצעלט,
די גאַקעטע פיסלעך אויסגעשטעלט,
עסן זיי גאַנץ געשמאַק,
טאַנצן מיר א לעבעדיקן
האָפּ טשאַק טשאַק.

דער טאַטע איז אַוועק קויפן א באָק,
די מאַמע איז אַוועק קויפן א ציג,
פון דערויף איז אַרויס א גרויסע
קריג,
זי פאַרן באָרד און ער—פאַרן באַק,
טאַנצן מיר א לעבעדיקן
האָפּ טשאַק טשאַק!

5*

צו וואָס זשע טויג מיר זיין אַן עושר,
צי איז דאָס מיר פאַר גויט,
איך לעב מיר אָפּ די גאַנצע וואָך
מיט א שטיקעלע ברויט.

אַז עס קומט דאָך חנוכּה לעבן,
איז דאָך מיר א וועלט,
איך צינד מיר אָן די גרויסע
לאַמטערנע,
און גיי מיר נאָך חנוכּה-געלט!

און אַז עס קומט דאָך פּורים לעבן
איז דאָך מיר א וועלט,
איך פאַרקאַשער מיך די פּאָלעס
און גיי נאָך שלח-מנות.

און אַז עס קומט פּסח לעבן
עס איך מצה שוואַרצע ווי האַלקע,
אויפן גאַס מעג דונערן און בליצן,
בא מיר מוז זיין א מלכּה.

דאָמבראָוויץ וואָל. גוב.
מיטגעטיילט פון מ ו ש ע ר.

6*

א.

ראש השנה בלאָזט מען תּקיעות,
צלע יידעלעך קויפן עליות.
גיין צום תּשליך גייען מיר גלייך,
ווייל יעדערער איז אין עבירות רייך.

ב.

סוכּות איז דאָך א פאַרגעניגן,
מאַן און ווייב קענען זיך ניט קריגן.
קאָכן קאָכן מיר ניט קיין ביסל,
ווייל יעדער שכן קוקט אַריין אין שיסל.

ג.

שמיני-עצרת טאָר מען אויך ניט
פאַרשעמען,

א ביסל בראנפן מוז מען נעמען,
הוליען, הוליען מיר אן א שיעור,
ווייל דעה יום-טוב שטייט שוין
באלד ביים טיר.

ד.

פסח איז דאך א גוטע צייט,
דאן האט דער עוויגער די יידן
באפרייט,
פרעהן האט ער מיט מכות באצירט,
און אונז האט ער דעם ים אריבער-
געפירט.

ה.

פורים איז דאך א טאג א שיינער,
מ׳ברעכט אן המנען די ביינער.
עסן עסן מיר המנטאשן
און לײדיקן אויס אלע פלאשן.

ו.

שמחת תורה איז אויך א סחורה
(ווער,—איז די בעסטע סחורה),
דאן האט דער עוויגער געגעבן די
תורה.

א גאנצע נאכט האבן מיר פארבראכט,
איצט דארפן מיר זאגן—א גוטע נאכט.

1) ווער. ג. מ. 39, 40
2) מערעטש 1913

XII. רעליגיעז-נאציא-נאלע און חסידישע לידער.

1*

המבדיל.

גאט פון אברהם, גאט פון יצחק,
גאט פון יעקב,

באהיט דיין פאלק ישראל אין דיינעם
לויב,
דער ליבער שבת קודש גייט אהין,
די וואך און די זיבן טעג און דער
חודש און דער יאר
זאלן אונז קומען צו בעזונט און צו
לעבן,
און צו מזל ברכה און צו אלן געווין,
ליבער גאט, שיק אראפ עליהו
אויף א פולע וואך,
ער זאל אונז גוטע בשורות מבשר
זיין,
די קראנקע זאלן געזונט ווערן,
און די געזונטע זאלן באהיט ווערן
פון קראנקהייט,
און די טרויעריקע זאלן געטרייסט
ווערן,
און די הונגעריקע זאלן געשפייזט
ווערן,
פון שווערן ביטערן גלות זאלן מיר,
רבש״ע,
אמן אויסגעלייזט ווערן.
(ווילנע)

ווער. 2*

גאט פון אברהם, יצחק און יעקב,
באשיץ דיין פאלק ישראל! דער
ליבער שבת-קודש איז אוועק און
די וואך זאל אונז קומען צו גליק
און צו געזונט, און צו מזל וברכה
און צו עושר וכבוד און צו
פרנסה. ווער נאך ווי דו, הימלישער
פאטער, ווייסט דעם שווערן לעבן
פון דיין פאלק ישראל, זיין
ביטערן גזמיט, ווי שווער און
ביטער יעדער ייד פארדינט זיין

ביסן ברויט, מיט וועלכע זאָרג
און עגמת-נפש, מיט וועלכע שרעק
און מאַטערניש ער טרייבט צוזאַמען
זיין פינסטערע חיונה. ווער נאָך פון
אַלע פעלקער אין דער וועלט שפּירט
אַזוי דעם שרעקלעכן רושם פון אַ נייע
וואָך, ווי דיינע אָרימע באַטריבטע
קינדער, אַ נייע וואָך קומט אונז
אַנטקעגן, אַ נייע וואָך ברענגט
אונז נייע זאָרג, נייע שרעק, נייע
קימער. דאָס איינציקע וואָס אונז
איז געבליבן, איז נאָר די האָפענונג
צו דיר אַליין. נאָר די איינציקע
האָפענונג און גלויבן אין דיר, דער-
באַרימיקער גאָט, האָט אונז געגעבן
קרעפטן היינט אונזערע צרות מיט
געדולד צו דערטראָגן! לכן יהי רצון
מלפניך—עס זאָל זיין דער ווילן פון
דיר, גרויסער אַלמעכטיקער גאָט, אַז
אין די נייע וואָך, וועלכע קומט
אונז אַנטקעגן, זאָלסטו אונז עפענען
די טויערן פון דיינע רחמנות, דו
זאָלסט אונז צושיקן אונזער חיונה
בנחת און ניט בצער, דו זאָלסט
אונז געבן פרנסה פון דיין פולן האַנט.

ווילנע.

3*

גאָט פון אַברמען, גאָט פון יצחקן
און גאָט פון יענקבן,
באַהיט דיין ליבע פאָלק ישראל
(עסראָיל) אין דיין (דיים) לויב,
דער ליבער שבת גייט פון אונז אַוועק,
גאָט זאָל געבן די ליבע וואָך און דעם
ליבן חודש און דעם ליבן יאָר,
צו געזונט און צו לעבן און צו מזל
און צו ברכה,
און אַלעס גוטעס צו געווינען.
גאָטינקע מיין, שיק אונז לייהאַנאָווי
(אליהו הנביא)
אויף אַ גוטע וואָך אַריין!
כּל ישראל גוטע בשורות טובות
מבשר זיין.
אמן מלך—וואָר,—
משיח וועט קומען היינטיקן יאָר,
משיח וועט קומען צו פאָרן—
וועלן מיר האָבן גוטע יאָרן;
משיח וועט קומען צו רייטן—
וועלן מיר האָבן גוטע צייטן;
משיח וועט קומען צו לויפן,
וועט ער אונז פון גלות אויסקויפן.

פאַרשריבן פון אַ שילערין פון אָוונט-
שול, ווילנע 1917.

וואַר. פּריל. יידישע פאָלקסלידער
I-טער ב. פון 8 ביז 29.

4

— האַדרת והאמונה!
— צו וועמען? צו וועמען?
— לחי עולמים!
— הבינה והברכה!
— צו וועמען? צו וועמען?
— לחי עולמים!
— מי הוא זה ואיזהו,
— זה אלי ואנוהו,

— הגאווה והגדולה

א. אַז. וו.

י. באַרנשטיין, קראָקע.

אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון
גאַליציע.

וואַר. כהן II רעליג. 3

5****

— יבא אדיר,
— אך, במהרה!
— יבא בחור
— אך, בימנו!
— ווען ווערט דוס זאן?
— במהרה בימינו!
— ווער ווערט דוס זאן!
— משיח צדקנו.
— ווס ווערט ער טיען?
יבא ויגאלנו!
— ווס ווערט דעמילט זאן?
יום גילה, יום רינה, יום דיצה.
גילה, רינה, דיצה, יבא עלינו,
יבא עלינו! (2 מאל)

י. באַרנשטיין (קראָקע).

א חסידיש יו״ט-ליד, וואָס ווערט געזונגען אין בתי=מדרשים אין קראָקע און אין אייניקע פראָווינץ-שטעט. איינער רופט אויס—„יבא אדיר!“ און די גאַנצע חבריה ענטפערט—„אך במהרה“ א. א. וו. ווען ער פרעגט—„וואָס ווערט דעמאָלט זיין?“ הייבן אלע אָן צו טאַנצן און צו זינגען.

6*

צו טוגן הייבט שוין אָן,
געקראָיעט אָט שוין דער האָען,
אָפן פראָיען פעלט
אין מיטן גרינעם גראָז
אָט זיך אַ פייגילע אנידערגעשטעלט
(די לעצטע צוויי 2 מאָל).
וואָס פאַר אַ פייגילע אי דאָס,
וואָס אָט זיך אזוי פרי געשטעלט
אָפן גרינעם גראָז? (2 מאָל).
גרינע פיסלאַך, אַ פערל פיסקל,
קיין ירושלים וויל עס גיין (2 מאָל).
ווארט, פייגילע, ווארט (2 מאָל),
ביז דער אייבערשטער ווערט אונז באַשערן
און ווערט אונז קיין ירושלים ווידער-קערן (2 מאָל).
ווען ווערט דוס זאן? (2 מאָל)
יבנה המקדש עיר ציון תמלא.
דעמאָלט ווערט דוס, ווערט דוס זיין.
יבנה המקדש עיר ציון תמלא,
דעמאָלט ווערט דוס, ווערט דוס זיין!

י. באַרנשטיין, קראָקע גאַליציע.

7*

ער: וואָס ווערט דעמאָלט זיין?
זי: קאָניעץ למר גלותנו.
ער: וואוהין וועלן יידן גיין?
זי: מי פאַידיאָם לארצנו.
ער: וואָס ווערט דאָרטן זיין?
זי: שם באַידיאָם גואלנו.
ער: ווער זשע ווערט דאָס זיין?
זי: גאַש משיח צדקנו.
ער: ווען זשע ווערט דאָס זיין?
זי: סקאָראָ במהרה בימנו.

ביידע: יום גילה, יום רינה,
יום דיצה, יום חדוה,
גילה, רינה, דיצה, חדוה,
אהבה ואחוה...

ש. ע. „אַקטיאָרן“.

8

געבענטשט זייגען מיר פון גאָט,

ביי אונז יידן איז זיין געבאָט,
דער רוח הקדש בייט אהין,
ווער עס זינדיקט נאָר.

תורה לערנען איז א שכר,
עולם-הבא ווען מיר האָבן דערפאַר,
טריי ריי טארא ראַין!

די מלאכים טראָגן פאַר אונז א גרוס,
עולם הבא ווען מיר האָבן געוויס.
טריי ריי טארא ריי!

שרעקנדיק מוראדיק, פאראומערט,
פארקלאָגט,
די נאַכט רוקט זיך ווייטער,
מע זעט ניט קיין טאָג.

אוי, מיר גייען פון דאַנען,
גאָט ווייס וואָס וועט זיין,
מיר מוזן אנטלויפן
אין וואַלד אריין!

9*

מיר וועלן זינגען, מיר וועלן
טאַנצן גיין!
אוי, טאטע-פאָטער, ווי דערלעבט
מען דאָס
אוי, ווי שיין, אוי, ווי פיין,
אז משיח וועט קומען צו גיין.
אוי, ווי אמת, אוי, ווי אמת זייער
שיין,
אז יעדער ייד זאָל זיין א באלעבאָס.
עס וועט זיין שיין און פיין,
אז משיח וועט קומען צוגיין.
געבראָטענע טויבן, מעגט איר מיר
גלויבן,
וועט שוין זיין געגרייט.

10*

– טאָכטער, תורה, טאָכטער דו מיין,
ווילסטו ניט נעמען אברהמען פאַר
איין חתן-מאַן?
– ניין, פאָטערל, ניין, אברהם וועט
ניט מיין מאַן זיין,
ביי אים וועט זיין יצחק א זון זיין,
ער וועט מיר ניט קענען מפרנס זיין,
בעסער וועל איך זיצן ביי דיר
אפן שויס,
איידער כ'וועל אויסוואַקסן א טעכטערל
גרויס.
צווייטער פערז—וועגן יצחקן—
„ביי אים וועט יעקב א זון זיין"
דריטער פערז—וועגן יעקבן—„ביי
יעקבן וועט דאָך 12 זין זיין."

וואַר. ג. מ. 5, 6, 7, 8

11**

אדם, אדם, פערווי נאַש,
טשאהאָ טי יעל מעץ הדעת,
קאב ניע יעל מעץ הדעת,
ניע נאוויאָל בי סמערט נא נאָס.

חוה, חוה, נאשא מאט,
טשאהאָ טי האדא סלושאלאס,
קאב טי האדא ניע סלושאלאס,
ושאָני בעז באָליע ראדילי.

אברם סטארי, אברם שיווי,
שטאָ טי זאזשורילסיא?
זויאָל סינא דאָ עקדה,
דאראָם פאָטרודילסיא.

יצחק, יצחק, נאש אטעץ.

בודיע כאטקא וויבודליאנא.

וואר. ג. מ. 15, 16.

12**

גאט האט באשאפן הימל און ערד,
גאט האט באשאפן חוהן אויף דער ערד.

און פון דער שיינער ערד,
איז ארויס א שיינער ווארצל,
און דער ווארצל פון דער ערד,
גאט האט באשאפן הימל און ערד.
גאט האט באשאפן חוהן אויף דער ערד,

און פון דעם שיינעם ווארצל,
איז ארויס א שיינער בוים,
און דער בוים פון דעם ווארצל
א. אז. וו.

און פון דעם שיינעם בוים,
איז ארויס א שיינע צווייג
און די צווייג פון דעם בוים,
א. אז. וו.

און פון דער שיינער צווייג,
איז ארויס א שיינער בלאט,
און דער בלאט פון דער צווייג
א. אז. וו.

און פון דעם שיינעם בלאט,
איז ארויס א שיינער עפל,
און דער עפל פון דעם בלאט
א. אז. וו.

און פון דעם שיינעם עפל,
איז ארויס א שיינער נעסט,
און דער נעסט פון דעם עפל,
א. אז. וו.

און פון דעם שיינעם נעסט,
איז ארויס א שיינער פויגל,
און דער פויגל פון דעם געסט,
א. אז. וו.

ביל זאוויאזאן קאק באראנעץ,
סטאלי מלאכים פלאקאט,
סקאזאל באך וויפוסטי.

עשו, עשו, דיאדקא נאש,
קרעטשמי ניע מינויא,
וואט זאטא לאפטי נאסיש,
שטא באטי ניע מאיעט.

יעקב, יעקב, פאסטוך נאש,
טשעטירנאצאט ליעט אווצי פאס,
סיעם זא רחל, סיעם זא נאס.
סיעם זא רחל, סיעם זא נאס.

משה, משה, רבי נאש,
איז מצרים וויוויאל נאס,
איז מצרים וויוויאל נאס,
דא ירושלים ניע דאוויאל נאס,
ירושלים עיר הקדש,
מי טאם זשילי
פא טרי רזא ווגאדו,
מי טודא כאדילי,
מי טאם בילי
מי טאם יעלי,
אי באהו מאלילי,
קאק מי באהו ניע מאלילי,
א באהו סאגרעשילי,
קאק מי באהו סאגרעשילי,
גאס אטיל וויגנאלי.

אוי, באטיושקא,
וויקופי נאשי מאטושקא,
וויגודי נאשי באטושקא,
סינקלי, סינקל ניע הארוי,
טוואיע סערדצע ניע סאבטוי,
בודיע מאטקא וויקופליאנא,

און פון דער שיינער פויגל
איז ארויס א שיינע פעדער,
און די פעדער פון דעם פויגל,
א. אז. וו.

און פון דער שיינער פעדער,
איז ארויס א שיינע קישן,
און די קישן פון דער פעדער, א. אז. וו.
און פון דער שיינער קישן
איז ארויס א שיינע כלה,
און די כלה פון דער קישן א. אז. וו.
און פון דער שיינער כלה,
איז ארויס א שיינע דעקע,
און די דעקע פון דער כלה
א. אז. וו.

און דער פויגל פון דעם נעסט,
און דער נעסט פון דעם עפל,
און דער עפל פון דעם בלאט,
און דער בלאט פון דעם צווייג,
און דער צווייג פון דעם בוים,
און דער בוים פון דעם ווארצל,
און דער ווארצל פון דער ערד,
גאט האט באשאפן הימל און ערד,
גאט האט באשאפן חוהן אויף
דער ערד.

XIII. פאראדיעס און פאלקס־הומאָרעסקעס

1.

אשת חיל מי ימצא,
איז דען דאָ אזא ווייב
ווי מיין שפרינצע?
פון נאז רינט, פון אויג טרערט,
דריי וואָכן די שטוב ניט פארקערט,
נעם איך א שטול און זעץ זיך
לעבן איר שטראָפן,
נעמט זי א קישן און לייגט זיך
אונטערן בעט שלאָפן.
נעם איך א שטעקן מיט צוויי עקן
און הויב אָן מיין שפרינצען צו דעקן.

. . . .

פארשריבן אין
ווילנע 1914

ווצר. ג. מ. 290

2.

שיר השירים אשר לשלמה—שבת צו נאכט נאָך האלבן טאָג, זומער אין די גרויסע קעלטן און ווינטער אין די גרויסע היצן האָב איך אָנגעטאָן מיין קאָשמאטן באָק און כין געגאנגען שפאצירן. האָב איך געזען ווי צוויי מתים טאנצן אויף א פוסטן גוס, האָבן זיי מיר פאריאָגט אין א טיפן וואלד. דער וואלד האלט א שפאן אויף א שפאן, פון איין בוים ביז דעם אנדערן איז דריי מייל די ווייט. האָב איך דערזען אין בוים א לעכעלע, איך שטעק אריין די האנט—עס גייט ניט, די פוס—עס גייט אויך ניט. איך וויל אליין אריינגיין—איך זע—עס גייט. דערנאָך וויל איך ארויסגיין, שטעק איך ארויס די פוס—עס גייט ניט, די האנט גייט אויך ניט, איך וויל אליין ארויסגיין—ס׳גייט אויך ניט... האָב איך זיך דערמאָנט, אז ביי מיין פעטער יאכנע איז דאָ א העקעלע, בין איך אוועק צו מיין פעטער יאכנע, גענומען די העקעלע, אויסגעהאקט דעם בוים און ארויס פון בוים; ביי איך ווייטער—זע איך א

שייער שטייט אויף א היבערשע פיסל,
פארשלאָסן מיט א לאָך פון א בייגל,
בין איך אריין אין שייער, זע איך
עס טאנצט אנטקעגן מיר א פליי.
פלייעלע, פלייעלע, וואָס טאנצסטו?
האָב איך ארויסגענומען מיין רע־
וואָלווער און איר דערשאָסן

פארשריבן אין
מערעטש 1913.

3*

צוויי טויטע לעבעדיקע מתים זיינען זיך בעגאנגען גליטשן
פון א לונג און לעבער אויף א ווע־לישן נוס,
האָבן זיי זיך אזוי לאנג בעגליטשט, ביז וואנען זיי האָבן זיך ארייגעגליטשט אין א קעלער.
האָט איינער דערהערט א קול פון א זויערער אוגערקע,
איז ער זי בעגאנגען נעמען, האָט ער צובראָכן דעם נאָז.
דופט זיך אָפּ דער אנדערער—קום צו זעווע דעם איינבינדער, וועט ער דיר איינבינדן דעם נאָז.
האָבן זיי איינגעשפּאנט דעם שליטן אין קאָוואנע רעדער און זיינען אוועקגעפאָרן רייטנדיק צופוס.
דערווייליע האָט מען אנגעשטעלט די ביקסן מיט שווארצע יאגדעס און זויערע עפּל,
האָט זיך די קייטערינע דערשראָקן,
האָט זי מפּיל געווען א זשערעבעץ,
האָט מען איר בעגעבן א פאָלקע פון א בארן בוים...

פארשריבן אין
ווילנע 1915.

4**

אין תמוז אין די גרויסע פרעסט, און אין שבט אין די גרויסע היצן, גיי איך ביידערנאכט, ווען די זון האָט געשיינט, און בייטאָג, ווען עס איז געווען פינסטער, גיי איך און זע—א קליינע שטוב שטייט אויף אן אונטערגעברענטן שטרוי. עפן איך די טיר, רוק איך די קאָפּ—עס גייט ניט, די האנט—עס גייט ניט, די פוס—עס גייט ניט. בין איך אריין איבּ־באנצן. זע—אן אלטן יידן, אלט זיבּעציק יאָר פאר בר־מצוה, עסט פליישיקע זויערמילך אן געוואשן. הער איך אויפן הימל א יריד, בין איך ארויף דאָרטן און געהאנדלט א מציאה: א פאָר קופערנע נאָדלען פאר זעכציק רובל. מיטאמאָל האָט זיך געשפּאָלטן דער הימל און איך בין אריינגעפאלן אין א שוועמל. זיינען פויערים בעגאנגען קלייבן שוועמלעך, האָבן זיי מיר ארייגעקליבן פאר א יאגדע. זע איך א האָן גייט. פרעג איך—ברודערקע, וואו גייסטו? ענט־פערט ער: „כ'גיי אויפן לעבער־ים האקן לעבער". גייען מיר, מיטאמאָל זעען מיר פויערים מיט העק האקן לעמפערטן. ווען פון אלע פויערים וואלט געוואָרן איין גרויסער פויער

און פון אלע העק איין גרויסע האק,
און פון אלע לעמפערטן איין גרוי-
סער לעמפערט און דער גרויסער
פויער מיט דער גרויסער האק וואלט
דערלאנגט א האק דעם גרויסן לעמ-
פערט, וואס פאר א געשריי עס
וואלט דעמאלט געוועזן!

ל. רובינשטיין,
(ווילנע).

5**

תמוז אין די גרויסע פרעסט בין איך אויפגעשטאנען שבת צו נאכט און אין מיטן טאג האב איך געזען ווי דריי מתים טאנצן. טאנצנדיק האב איך זיך אויסגעבראכן ביידע פיס. אז מע ברעכט אויס ביידע פיס, קען מען דאך ניט טאנצן און גיין? בין איך געלאפן. לויפנדיק בין איך אריינגעפאלן אין אזא געדיכטן וואלד, אז דארט איז קיין בוים ניט געווען. האב איך דארטן געטראפן א וואנט, האב איך געפרובט דורכשטעכן די נאדל. איז זי ניט דורך. בין איך אליין דורכגעקראכן. אין מויער האב איך געהערט ווי מלאכים ריידן צווישן זיך, אז דער טויבער האט געהערט, ווי דער שטומער האט דערציילט, ווי דער בלינדער האט געזען ווי מ'האט אנגעכאפט דעם נאקעטן פארן פאלע.

י. שחט ווילנע.

6*
קדוש.

סברי מרנן ורבנן ורבותי

איך און די פלעשל און די גלעזל זיינען מיר אלע דריי.

איך בין געווען אמאל א ייד א בעלעבאס,
איך האב געהאט א ציג אן אויוערן און אן א באז,
אויף די הינטערשטע פיסלעך האט זי געשפרונגען,
אויף די פאדערשטע פיסלעך האט זי זמירות געזונגען,
איך האב איר געגעבן מילך א לאדיש.
האב איך געמיינט, אז איך וועל זאגן נאך איר קדיש,
ויכולו השמים—איך האב געמאכט קידוש בפרים.
איך בין געלאפן אין שטעטל א גאנצע נאכט,
איך האב קיין איין גראשן ניט צונויפגעמאכט.
איך בין געלאפן דורך דרערד אין פעטערבורג,
ביי די יאטקעס האב איך דערזען א קליין שטיבעלע,
פארשלאסן מיט א מילכיקן פוטער-בייגל,
איך האב זיך געזעצט אויפן פוטער-בייגל,
איך האב אים געגעסן זיבן יאר,
איך בין אריין אין שטיבעלע,
האב איך געזען, אז א ייד האט געגעסן א פליישיקן לונג-און-לעבער
אין א מילכיקן טעלער,
דארפן דאך גיין פרעגן ביים רב א שאלה,
איז גראדע דער רב ניטא אין דער היים,

זאָגט די רביצין: אַ קליינע שאלה
קען איך אַליין פּסקענען:
בעסער פון אַלץ איז אַ קוגעלע
מיט שמאַלץ.

פאַרשריבן אין
ווילנע 1917.

7*

אמר ר׳ אליעזר,
וואָס האָט צובראָכן די גלעזער,
אמר ר׳ מאיר,
וואָס האָט צובראָכן די אייער.
אמר ר׳ חגי
וואָס האָט צובראָכן די שפּאַנע.
אמר ר׳ נתן—
גיי אַלץ מאַן ביין חתן.
אמר אביי—
קויף אָפּ נייע.

מערעטש 1913.

8***

פאָלקס־הומאָרעסקע.

עס זיינען געווען אמאָל צוויי ברידער. איין ברודער איז געווען אַ קייסער און דער צווייטער אַן אונטערשמש. דער קייסער האָט אַרויסגעגעבן זיין ווייב אַ פּריקאַז זי זאָל מאַכן פון צוואַנציק אייער אַ פיינקאָכן. דער קייסער האָט זיך דערשראָקן און זיין ווייב איז געשטאָרבן. אַז מע שטאַרבט, זיצט מען שבעה. שבעה זיצט מען פאַר זיבן גילדן, זיבן גילדן איז ווייניק, איז נאָך אַ האַלב אַרשין. וואָס בלייבט? נעכטיקע וועטשערע. נעכטיקע וועטשערע טראָגט מען די אָרימע בחורים אין קלויז. דערווייל האָבן זיך אַ מאַן מיט אַ ווייב צוהרגעט און זיי זיינען צוועקגעגאַנגען צו די רביצין. אַ יידענע האַלט פאַר אַ יידענע. וואָס האַלט זי? דראָבנע זאַכן. דראָבנע זאַכן שיטן זיך אויס, אַז ס׳שיט זיך אויס, ווערט קרעץ. גייט מען צו אַ דאָקטער. וואָס גיט דער דאָקטער? אַ שמירונג. אַז מע שמירט, גייט עס, אַז עס גייט, פאָרט דאָס, פאָרן מיר אריין אין אַ געדיכטן וואַלד, איין בוים פון דעם אַנדערן איז אַ ווי־אָרסט. אויף איין בוים זיצט אַ העכט, שמאָל געגאַרטלט און פיין געקנעפּלט און פאַר בר־מצוה און קנאַקט וועלישע ניס. אויפן צווייטן בוים זיצט אַ פויגל מיט אַ שטעקן און האַנט און מיט אַ בעלמע אויפן אויג. נעמען מיר אַראָפּ די בעלמע, האָבן מיר פעל. פאַרקויפן מיר די פעל, האָבן מיר געלט. פאָרן מיר אַרויס פון וואַלד, זעען מיר עס פאָרט אַ פויער, פירט ער אַ הון, פרעגן מיר—וואָס קאָסט די הון? זאָגט ער—זיבן גילדן פאַר די טויב. קויפן מיר די טויבן, בלייבן מיר ביי קדחת.

געהערט פון יאָשע פינט,
דורך י. ברוידעס.

9*

בערל איז—אַ הונט.

בערל איז לעבער,
לעבער איז כבוד,
כבד איז שווער,
שווער איז שבועה,

שבועה איז א וואָך,
א וואָך איז חול
חול איז זאמד,
זאמד איז פּיאַסעק,
פּיאַסעק איז פּעסעק,
פּעסעק איז א הונט.

י. זאוועלס.

10*

קאָפּל—איז פילאַרעט.

קאָפּל איז גאָפּל,
גאָפּל איז ווילקאַ,
ווילקאַ איז פילקאַ,
פילקאַ איז פילאַרעט.

י. זאוועלס.

11*

חצי מת איז—א בעזים.

חצי מת איז כּכולה מת,
קולמוס איז א פּען,
פּען איז טאָמער,
תמר איז געווען א אשה,
עיסה איז טייג,
פון טייג מאַכט מען ברויט,
ברייט איז רחב,
רחב איז געווען א זונה,
זונה איז אַן אַפּקערעקע,
אַן אַפּקערעקע איז א בעזים.

ש. שראַפּאַן.

12*****

איינער א ייד האָט זיך געשטעלט אין שול אויף דער בימה און האָט געפרעגט צוויי קשיות: ערשטנס, פאַרוואָס זאָגט מען, אַז המן איז א צדיק, און, צווייטנס, המנען האָט מען געהרגעט פּסח און מען האָט אים באַקלאָגט חנוכּה?

האָט מען אים אַזוי געענטפערט: דער תירוץ אויף דער ערשטער קשיה איז אַזוי:

אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז אברהם אבינו האָט געוואָלט שעכטן זיין זון, האָט מען געזאָגט, אַז ער איז א צדיק, — היינט אָבער, אַז המן האָט געוואָלט אויסשעכטן אַלע יידן,—איז ער דאָך א פּשיטה, געוויס א צדיק.

און אָט האָסטו א תירוץ אויף דער צווייטער קשיה:

אין דער מגילה שטייט געשריבן, אַז אסתר איז געוועזן א גרינע מלכּה, אויב אַזוי איז שוין אחשורוש א גרינער מלך, איז המן א גרינער אונטער; היינט אָבער, אַז המנען האָט מען געהרגעט פּסח,—האָט נאָך אים קיינער ניט געקלאָגט. אָבער חנוכּה, ווען מען האָט זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן און מען האָט געזען, אַז ס'פעלט דער גרינער אונטער—איז דאַן געוואָרן א ויצעקו.

XIV. סאַטירישע לידער.

1**

וויסט איר פון וואָס מ'וועט סטרויען דעם רביס באָד,
וואָס שטייט איבערן מיטן סאָד?
ניט פון קיין שטיינער
און ניט פון קיין ציגל
נאָר פון טייערע מאכלים,

פון צימעס און פון קוגל.
מיט האָניק וועלן זיין
געשמירט אַלע פיר עקן,
און חסידימלעך וועלן שטיין
און וועלן לעקן.
אוי, ווי דערלעבט מען שוין,
ווי דערלעבט מען שוין דאָס!

2**

צוויי חסידימלעך
חיימצע און שמולצע
האָבן זיך אַ שבועה געגעבן,
אַ סאַמעטענע קאַפּאָטקע, אַ זיידענע שטריימל
דערלאַנגען אַ מתנה דעם רבין.
און ווי זיי זיינען אין ליבאַוויטש געקומען,
צום רבינס טיר צוגעגאַנגען,
אַזוי האָבן זיי די ביטערע בשורה באַקומען,
אַז דער רבי איז אין תפיסה גע־פאַנגען.
געוואַלד, שמולצע, איך חלש, איך בלייב,
עס ציטערט מיר יעדער אבר,
ווען איך וואָלט ניט האָבן אַ קינד, אַ ווייב,
וואָלט איך זיך געגראָבן אַ קבר.
אַ קינד, אַ ווייב, אַ שפּאַס, אַ קאַ־טאַוועס,
זיי וועלן קיין מיתה ניט איינעמען.
זאָלן זיי גיין קלייבן נדבות,
אָבער דער רבי איז אין תפיסה געפאַנגען
טאַ גראָב מיר אויס אַ קבר
לעבן רבינס טויער,
און פאַרגרייזל מיר כשר די פאות
און זאָלסט ניט פאַרגעסן אין קבר צו לייגן
דעם תנא'ס דעם רבינס קמיעות,
און אַ פלעשעלע משקה
זאָלסט ניט פאַרגעסן
אין קבר אַריינצושטעלן,
כדי איך זאָל קענען
דעם דורשט איינשטילן,
ווען מיר וועט זיך אַ שנעפּסל פאַר־וועלן,
און בשעת איך וועל הערן
אין קבר אַ געזאַנג,
פלעשעלעך משקה טוען קלינגען,
דאַן וועל איך וויסן, אַז דער רבי איז פון תפיסה אַרויס
און איך וועל פון קבר אַרויס־שפּרינגען
און מיט אַלע חסידימלעך ביינאַנד
וועל איך מאַכן לחיים,
וואָס דער רבי איז אַרויס פון סכנה,
און די סאַמעטענע קאַפּאָטקע און די זיידענע שטריימל,
דערלאַנגען אַ מתנה דעם רבין.

פאַרשריבן—נ ח צ ו ק ע ר מ אַ ן
(ווילנע).

3***

ג ו ט מ אָ ר ג ן.

די חסידים:
אַ גוטמאָרגן, אַ גוטמאָרגן,
אָבינו מורינו ורבינו,
שטייט אויף, שטייט אויף,
אבינו מורינו ורבינו,
שטייט אויף, שטייט אויף!

דער רבי:

מייבע ליבע חסידימלעך,
לאָזט מיר אַ ביסעלע שלאָפֿן,
איך בין זייער שלעפעריק!

די חסידים:

ניין רבישיו, ניין, רבישיו, ניין!
עס שטייט אַ פסוק אין דער תורה,
התגבר כארי לעבודת הבורא.

דער רבי: אהובתי זוגתי, שרה דבורה,

תן לי מים
לנטלת ידים,
ללמד בזריזות.
(די חסידים זינגען אַ האָפּקעלע).

4*

דער חסידל.

זיצט דער חסידל ביי דער גמרא,
באַפּט אים אָן אַ יצר הרע

. . . .

. . . .

זאָגט דער רבילע בים באָם,
זאָגט די שיקסעלע דאָם דאָם.

XV. יודישע לידער אין אנדערע שפּראַכן.

1**

ראַנאָ אוטראָם אוסטאַוואַי,
נעגל-וואַסער אומיוואַי
טלית-תפילין גאַקלאַדאַי,
ראַנאָ ווּשקאָלקו פּאָסטופּאַי.

2*

אַז נאָס יעסט בערל דער שוסטער
קאַטאָרי אימעיעט סאָבסטווענוי דאָם,
ציג קריך נאַ מאָיע דעכע,
שטעכע ברעכע צאַלע דעכע,
נו מוב קאַ פּאַנקאָ מיראָוואַי,
צי טאָ יושר טאַק?
— סטופּאַי דוראַק!
— יאַ סטופּע, טי טוקאַטש!

3****

ביעדאַ, ביעדאַ, ניעמאַ אָווצו,
יאַקי בעז אָווצו
דאָ דאָמו פּאָידו?

נעם איך אַ פידעלע,
שפּיל מיר אַ לידעלע,
בעדאַ, בעדאַ,
ניעמאַ אָווצו!

באַגעגן איך אַ וואָגן שטיינער,
מיין איך פון שאָף די ביינער,
נעם איך אַ פידעלע,
שפּיל מיר אַ לידעלע,
ביעדאַ, ביעדאַ, ניעמאַ אָווצו!

באַגעגן איך אַ וואָגן דערנער,
מיין איך פון שאָף די הערנער,
נעם איך אַ פידעלע,
שפּיל מיר אַ לידעלע.
ביעדאַ, ביעדאַ, ניעמאַ אָווצו!

וואַר. פריל. 187, 188
יידישע פאָלקס-לידער II ב.

3*

אַ ליד אין העברעאיש, יידיש און ווייסרוסיש.

אלי—גאַט—טאָ באָגאַ

דרך—א וועג—טאָ דראָגאַ,
נער—א יונג—טאָ מלאָדאַ,
ואתן—כ׳האָב געגעבן—טאָ דאלאַ,
ואקח—כ׳האָב גענומען—טאָ בראלאַ,
לקחתי—כ׳האָב באַקומען—טאָ דאָסטאלאַ.

תנור—אן אויוון—טאָ פּעטשקאַ,
נר—א ליכט—טאָ סוועטשקאַ,
תרנגולת—א הינדל—טאָ קורעטשקאַ,
שולחן—א טיש—טאָ סטאָלאַ,
מלח—זאלץ—טאָ סאָלאַ,
שדה—א פעלד—טאָ פּאָלאַ.

לחם—ברויט—טאָ כלעבאַ,
שמים—א הימל—טאָ ניעבאַ,
טיסיאָטשי רובליי—נאַ פּאַטרעבאַ,
דגים—א פיש—טאָ ריבקאַ,
הוט—א פאָדים—טאָ ניטקאַ,
25 קאָפּייעק נאַ פּריפּיטקאַ.

5****

ווסטאַוואַלאַ חנה ראַנאַ נאַראַניישו.
וואָזבודילאַ סוואָיאַ סלוגאַ נאַוועריישו,
זאַפּאַל טוואָיאַ סוועטשאַ זאַיאַסנייישו
יאַ סאָביע בענדראָ פּאַכאָדיט,
סיינאַ תלמיד-חכם אַווראָזיט.
אַווראָזילאַ חנה סיינאַ וודזעברים
טשאַס,
ספּאָבאַוואַלאַ אָנאַ יעבאָ ווזלאָטנים
פּאַס,
שרה, רבקה, רחל לאה באַבאַוואָלי,
דוד המלך מיט אַלע תלמידים מוהלים
בילי,
השם יתברך מיט אַלע מלאכים אמן
קאַזאָלי.

6**

„אחד מי יודע“.
אין ליטוויש.

קאַזשינאָי וועגע? וועגע אַש זשינאָ:
וועגע דעוועס דאַנגע סעדעס
קאַראַלאָאי קאַראַלאָאי,
קאַזשינאָי דו? דו אַש זשינאָ:
דו טאַבליצעס, וועגעס דעוועס דאַנגע
סעדעס,
קאַראַלאָאי קאַראַלאָאי.
קאַזשינאָי טריס? טריס אַש זשינאָי
טריס טאַוויאַלעס, דו טאַבליצעס
א. אַז. וו.
קאַזשינאָי קאַטרעס? קאַטרעס אַש
זשינאָי:
קאַטרעס מאָטעראַלעס א. אַז. וו.
קאַזשינאָי פינקע? פינקע אַש זשינאָי
פינקע ביבליע א. אַז. וו.
קאַזשינאָי שעשע? שעשע אַש זשינאָי
שעשעס משנה א. אַז. וו.
קאַזשינאָי שאַפּטינע שאַפּטינע אַש זשינאָי
שאַפּטינע דענע שובאַטע א. אַז. וו.

7*****

מיקיטקאַ, מיקיטקאַ,
שטאָ סטיעביע בודיעט,
כודאָ, כודאָ,
טוואָיע דיעלאָ בודיעט.

סיעמדעסיאַט ליעט
טי פּראָזשיל,
א באָגו
ניע סלוזשיל.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, א. אַז. וו.

ניע פּאָמאָגוט טוואָי דיענגי,

טוואָי מיליאָני,
ליעזשאַל אי כוואָראַל
אי פּאָמיאָר קאַק דורני.

מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, א. אַז. וו.

צעלי גאָד
טי לעזשאַל אי כוואָראַל,
אַ ווידווי
ביע סקאַזאַל.

מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, א. אַז. וו.
גרידיאָט מלאך האדומי
טוואָיע אימיע פּיטאַט,
אַ טי בודיעש
קאַק סטאָל מאָלטשאַט.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, א. אז. וו.

ד׳בית-דין של מעלה
טיעביאַ בודיעט זוואַט,
אַ טי בודיעש
חטאתי סקאַזאַט.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ אַ. אַז. וו.

ד׳כּף-הקלע
טיעביאַ בודיעט גנאַט,
שיתין פּולסי דנורא
טיעביאַ בודוט דאַוואַט.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ א. אַז. וו.

ואנחנו ישראל
ניע טאַק, קאַק טי, זשיוויאָם,
מי טאַקיך פּראַזדניטשקי,
וואָדאָטשקע פּיאָם.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ א. אַז. וו.

פּיאָם דאַ פּיאָם,
פּיאָם אי גוליאַיעם,
אי נאַ באָגו
ניע זאַביוואַיעם.
מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, א. אַז. וו.

ואנחנו ישראל
וואָט טאַק מי זשיוויאָם
מי ס׳פּאָידיאָם ו׳ירושלים
פ׳משיח צדקנו נאַשים צאַריאָם.

מיקיטקאַ, מיקיטקאַ,
שטאָ סטיעביע בודיעט,
כודאָ, כודאָ,
טוואָיע דיעלאָ בודיעט.

באַמערקונגען:

1) אַ שמחת-תורה-ליד, וועלכע זינגט זיך אין טשערניגאָווער גוב. (אוקראַינע).

2) וואַר.—מ. קיפּניס.

XVI. מלחמה-לידער.

1*

ליד פון דער מאָביליזאַציע.

דעם ערשטן טאָג פון דער מאָבילי-
זאַציע
איז געוואָרן אַ טומל און אַ גרויס
געוויין,
דעם צווייטן טאָג פון דער מאָבי-
ליזאַציע
זיינען אַלע געשעפטן (וואַר. פאַבריקן)
געבליבן שטיין.

גרויסער גאָט, אוי, גאָט אין הימל,

וואָס האָסטו אָנגעשיקט אזא מין שטראָף,
מע נעמט צונויף (וואר.—דו האָסט צונויפגענומען) א וועלט מיט מענטשן,
און מע טרייבט זיי (וואר.—און די טרייבסט זיי ווי די שאָף.

ווי מיר זיינען צום וואָקזאל געקומען,
אויפן פלאַצפאָרמע זיינען מיר גע-בליבן שטיין,
זייט מיר געזונט, מיינע טרייע עלטערן,
גאָט ווייס, צי מיר וועלן קומען אהיים!

וויי דעם טאַטן און וויי דער מאמען,
זיי האָבן אויסגעהאָדעוועט אזא פאַר-שוין,
מע טוט אים אָן אין סאָלדאַטסקע קליידער,
און מע הייסט צום פאָזיציע גיין.

וואר.—אוי וויי דעם פאָטער, אוי וויי דער מוטער,
וועמען עס האָט א זון א זאַ-פאַסנאָי,
מע טוט אים אָן די סאָל-דאַטסקע קליידער
און מע שיקט אים גלייך אין באָי.

ווי מיר זיינען אין וואַגאָן אריין,
פראָשטשאַיעט האָבן מיר זיך פאַר די הענט,
איידער מיר זיינען צום פאָזיציע געקומען—
דריי מאָנאַטן אין איין העמד...

ווי מיר זיינען צום פאָזיציע געקומען,
זיינען מיר ביי די אָקאָפעס געבליבן שטיין,
א סנאַריאַד איז פאַרבייגעלאָפן,
איך ליג שוין עלנט ווי א שטיין.
וואר.
די ערשטע קויל האָט מיר געטראָפן
געבליבן בין איך ווי א שטיין.

אין פעלד צו ליגן איז זייער ביטער,
ביטער, מאַמעניו, אוי, ווי דער טויט,
איידער דער סאַניטאַר איז צו מיר געקומען,
טייכן בלוט איז פון מיר ארויס.

ווי דער סאַניטאַר איז צו מיר געקומען,
א פערעוויאַזקע האָט ער מיר געמאַכט,
וויפיל שמערצן איך האָב פארליטן,
איידער מ'האָט מיר אין לאַזאַרעט געבראַכט.

ווי מ'האָט מיר אין לאַזאַרעט געבראַכט,
ליגן ליג איך טויט ווי די וואַנט,
איך וואָלט דאָך וועלן א בריוועלע שרייבן,
נאָר פעלן פעלט מיר די רעכטע האַנט.

די רעכטע האַנט האָט מען מיר אראָפגענומען,
צום פאָזיציע וועל איך מער ניט גיין,
איך וואָלט דיר וועלן א בריוו אָפ-שרייבן,
אז אינגיכן וועל איך קומען אהיים.

די מאַמע האָט דעם בריוו געלעזן,
בעשלאָגן האָט זי זיך קאָפ אָן וואַנט.
וויפיל טרערן זי האָט פארגאָסן,

װען זי דערזעט דעם זון אָן די
רעכטע האַנט.

אָן די רעכטע האַנט איז זײער ביטער,
ביטער, מאַמעניו, אוי װי דער טויט,
איך װאָלט װעלן אַרויסגײן אין גאַס
פאַרדינען
אויף מײן שטיקל טרוקן ברויט.

פאַרשריבן אין װילנע 1921

װאַר. 2**

דעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
איז געװאָרן אַ גרויס געװײן,
אויפן צװײטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע
זײנען אַלע פאַבריקן געבליבן שטײן.

און װײ צום פאָטער און װײ צו
דער מוטער,
װאָס זײ האָבן אַ זון אַ זאַפּאַסנאָי,
מע טוט אים אָן די סאָלדאַטסקע
קלײדער,
און שיקן שיקט מען אים אין באָי.

און װי ער איז אויף דער פּאָזיציע
געקומען,
דרײ מאָנאַטן אין אײן העמד;
און װי ער איז אויף דער פּאָזיציע
געקומען,
גלײך האָט דער פײער אים פאַרברענט.

און ליגן ליג איך מיר אויף מײן
בעטל,
און טויב בין איך װי די װאַנט,
כ׳קען אײך שרײבן, מײנע ליבע
עלטערן,
אַז פעלן פעלט מיר די רעכטע האַנט.

די רעכטע האַנט פעלן פעלט דאָך מיר,
מיט װעלכע כ׳קען פאַרדינען אַ
שטיקל ברויט,
און בעסער מיר דער ליבער
װאָלט אַראָפּגעשיקט אַ יונגן טויט.

און ליגן ליג איך מיר אין דער
אָקאָפּע,
און כ׳היט זיך אויס פון אַ יונגן טויט,
די ערשטע קויל האָט מיר געטראָפן,
און געפאַלן בין איך װי אַ שטײן.

3*

דער פּריזיװ.

א.

דער 14-טער יאָר איז געקומען,
פאַר אַ זעלנער טן מיר צוגענומען,
דרײ טעג אין קאַזאַרמע געלעגן,
און קײן עסן ניט געגעבן.

ב.

דרײ זײנען פון פאָלק אַנטלאָפן,
די ערשטע קויל האָט מיר געטראָפן,
װער װעט גײן נאָך מײן לװיה,
נאָר דער פערדל, דער געטרײער.

ג.

װער װעט נאָך מיר װײנען און
קלאָגן,
װער װעט נאָך מיר קדיש זאָגן,
צװישן װעלדער, צװישן פעלדער
ליגט דאָרטן אַ געהרגעטער זעלנער.

ד.

מײן מאַמע האָט צום רויטן קרײץ
געשריבן,
אַז איר זון איז אין פעלד פאַרבליבן,
גלײכער װאָלט איך נאָך אַמעריקע
געפאָרן.

איידער כ׳האָב פאַרשפּילט מיינע
יונגע יאָרן.

4*

דער 14=טער יאָר.

דער 14-טער יאָר איז אָנגעקומען,
אוי ווײ!

דער 14-טער יאָר איז אָנגעקומען,
האָט מען מיר אין זאַפּאַס געגומען,
אוי ווײ!

אין די קאַזאַרמעס זייגען מיר גע-
זעסן,
ניט געטרונקען, ניט געגעסן,
אוי ווײ!

אויף די קאַרפּאַטן זייגען מיר גע-
קראָכן,
דער ערשטער קויל האָט מיר גע-
טראָפן,
אוי ווײ!

אַך, איר ווילדע, גרינע פעלדער,
איר ליגט באַשאָטן מיט קוילן, מיט
זעלגער,
אוי ווײ!

איר ליגט באַשאָטן מיט אַ יידישן
זעלגער,
אוי ווײ!

און דער אויער ביי אים צעריסן,
אוי ווײ!

און דער אויער ביי אים צעריסן,
פון זייגע וואונדן טוט בלוט פליסן,
אוי ווײ!

ניט קיין אָרון, ניט קיין מיטה,
אוי ווײ!

ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער,
אוי ווײ!

ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער,
אוי ווײ!

ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגן,
אוי ווײ!

ווער וועט נאָך מיר ווייגען און
קלאָגן,
אוי ווײ!

5*

אויפן שלאַכטפעלד.

אין אַ ווינטערדיקע נאַכט אַ קאַלטע,
אויפן שלאַכטפעלד שיקט מען מיר
אַרויס,
די פאַרסמטע פולע האָט מיר גע-
טראָפן,
געפאַלן בין איך ווי אַ שטיין.
און ווי איך בין ווי אַ שטיין
געפאַלן,
אויף מיין בעטעלע האָט מען מיר
אַוועקגעלייגט,
צוויי דאָקטוירים מיט אַ סעסטריצע,
זיי ווילן מיר ראַטעווען פון טויט.

ליגן ליג איך אויף מיין בעטעלע.
מיין מאַמע זי קומט דאָך צו מיר,
דער דאָקטאָר האָט אָביאַווועט,
אַז קיינער טאָר ניט צוגיין צו מיר.

ליגן ליג איך אויף מיין בעטעלע,

מיין כלה זי קומט צו מיר,
לייב צו דיין אויער צו מיין הארצן,
וועסטו הערן ווי די פולע ליגט
אין מיר.

שטארבן שטארב איך אויף מיין
בעטעלע,
און מיטנעמען וועל איך דיר ניט,
אין דרערד וועט פוילן מיינע ביי-
נער,
און דיר פאר א צווייטן וועט זיין
גוט.

וואס טויג מיר דיר פאר א צווייטן,
אז דו שטארבסט דאך אוועק,
דריי יאר ווי מיר שפילן א ליבע,
דריי יאר ווי איין טאג.

6.

דאס ליד פון די קאָוונער גרושים.

א.

אין שוסטערשע קלייזעלע
דאָרט איז אונזער הייזעלע,
דאָרט איז אונזער גאנצע שטוב.
מיר זיינען פון שטוב פארלאָרן
פארוואָגלט בעוואָרן.
אזוי ווי אין א פינסטערע גרוב.

ב.

עס קומט יעדער טאָג דער שמש,
ער טרייבט אונז צו די מאמעס
ער שטראסעט און בעט ביי אונז דעם
פאס.
פאר אים איז א פארגעניגן,
ווען ער טוט זיך מיט אונז קריגן,
פאר אונז איז דאס א בלוטיקער
שפאס.

ג.

אין קאָמיטעט נאָך די ברויט
עס קומט אָן מיט דעם טויט,
ווען מע פארשפעטיקט אויף 15
מינוט.
מע גיט אייך צו ערקלערן,
אז מע פארשפעטיקט וואָס קען ווערן,
אז ס'גיסט זיך אין פנים דאָס בלוט.

ד.

דו מוזט היטן די צייטן,
אויב דו ווילסט זיין גלייך מיט לייטן,
ווען דו ווילסט זיצן מיט אלעמען
ביים טיש.
דו דארפסט אויף קיינעם ניט קוקן,
פאר קיינעם זיך ניט בוקן,
אפילו ווען מע טרעט דיר אויף די
פיס.

ה.

אין קיך נאָך די זופ,
עס הערט זיך עס פעלט בולבע, עס
פעלט קרופ,
אזא מזל אויף זיי וואָס פאר א זופ.
דאָרט האָט זיך איינגעטשעפעט איינער
ווי א פיאווקע,
גיט מיר א ביסל א דאבאווקע,
דארט איז געוואָרן איינעם ניט גוט.

ו.

דאָרט שטייט אונזער שינפאָנפאָנטשיק,
דער ארויסגעבער פון די מיטאָגן
אבראמטשיק,
ער שטייט און קלערט וואָס איז דאָס
פאר א וועלט,
מען קען קיינמאָל די יידן
ניט שטעלן צופרידן,

אַפילו ווען עס קאָסט ניט קיין געלט.

ז.

ביי רעספּיצענען אין קעלער,
מען קען דאָרט באַקומען אַ פּעלער,
עס ריגט און קאַפּעט פון די ווענט,
עס הערט זיך געשרייען,
ניט טיי, רב חיים,
מען רייסט און מען כאַפּט פון די הענט.

ליד פון די קאָוונער גרושים גע-
שאַפן געוואָרן אין ווילקאָמיר אין
יאָר 1915.

7.

ליד פון דער צוואַנג-אַרבעט.

(פאַר דער צייט פון די דייטשן).

שילטן שילט איך דעם טאָג פון מיין
געבאָרן,
שילטן שילט איך אים גאָר אַצינד,
ניכיי וואָלט מיר מיין מוטער באַגראָבן,
בשעת איך בין געווען אַ קליין קינד.

בשעת איך בין אַ קליין קינד געווען,
פון אַ שטרעקע מאַכן האָב איך
ניט געוואוסט;
היינט, אַז איך בין עלטער געוואָרן,
פון צעשטערקאָווע האָב איך
זיך דערוואוסט.

ווי איך בין אין צעשטערקאָווע
געקומען,
אין די באַראַקעס האָט מען אונז
אַריינגעפירט;
אַזוי האָבן מיר זיך גענומען באַטראַכטן,
אַזוי ווי אַרעסטאַנטן זייען מיר
אַרעסטירט.

אויף מאָרגן פרי טוען מיר גיין צו
דער אַרבעט,
דער טאָג ערוואַכט גאַנץ זייער הייס,
ווי מיר האָבן גענומען די לאָרעס
שיטן,
אַזוי האָט זיך גענומען גיסן
טייכן שווייס.

ווי מיר האָבן פיר לאָרעס אָנגעשאָטן,
אַזוי זיינען מיר פאַרבליבן שטיין,
דאָ איז אָנגעקומען דער פעטפעבל,
און אַ פּאַוזע מאַכן מוזן מיר גיין.

ווי מיר זיינען אין בודע געזעסן,
די הארץ האָט אונז פאַרקוועטשט ווי
אַ שטיין,
דאָ איז דאָך אָנגעקומען דער פעט-
פעבל,
אַז צו דער אַרבעט מוזן מיר ווי-
דער גיין.

ווי מיר זיינען צו דער אַרבעט
געגאַנגען,
ערד איז פאַראַן זייער פיל,
דאָ איז דאָך אָנגעפאָרן דער פעט-
פעבל,
אַז 18 ליאָרעס איז אייער ציל.

אויף מאָרגן פרי איז אַ רעגן און
אַ בלאָטע,
און די 18 לאָרעס מוז פול זיין,
גאָט דו ליבער, גאָט דו טרייער,
ווי קענסטו צוזען פון אונז דעם פּיין.

אויב די שטרעקע וועט פאַרטיק ווערן,
אייזען וועט זי ווי אַ זיידן קלייד,
און מיר וועלן ליגן אין די בעטלעך

קראנקע
און ראנגלען וועלן מיר זיך מיטן טויט.

אויב מיר וועלן אמאל שטארבן,
פירן וועט מען אונז פארביי דעם
הויפטמאנס טיר,
א צוויי דריי טריט וועט ער אונז
באגלייטן
און אומקערן וועט ער זיך אויף זיין
קווארטיר.

וױלנע 1920.

8

אַ ליד פון צוואַנג-אַרבעט.

דאָרט אין נײשטאָט אין די באַראַקן.
דאָרט ליגט דער צוואנגס-ארבעטער
און וויינט,
צו זיין גרויסן אומגליק איז ניטאָ
קיין גלייכן.
ווייל זיין הארץ איז אין אים פאר-
שטיינט.

ווי מען האָט אים פון זיין היים
ארויסגעטריבן,
און קיין נײשטאָט אין פלען גע-
בראכט,
צובראָכן זיין הארץ און זיינע גע-
פילן,
און פון זיין קערפער איין סקעלעט
געמאכט.

ער לייגט זיין קערפער אויף די
הארטע נארע,
וועלכע ס'דריקט זיינע ביינער אויס,
צי זאָל ער ארומגיין, קען ער אויף
די פיס ניט שטיין,
„אך לויס!" שרייען די מערדער—„צו
דער ארבעט",
איר וואָס פרעסט אונזער זאלץ און
ברויט.
אך, ווי קאָנען מיר צו דער ארבעט
גיין,
ווען מיר שפירן שוין דעם טעם פון
טויט.

היימאט, היימאט, מיין פאמיליע,
ווי קענט איר מיר פון זינען ארויס.
ביי מיין טרינקען און עסן קאָן איך
אייך ניט פארגעסן,
ווייל מיין הארץ איז אין מיר פאר-
שטיינט.
אך, ווען וועט שוין די זון פאר
אונז אויפשיינען,
און ווען וועלן מיר קענען פון פלען
ארויס,
די זון זי וועט פאר אונז אויפשיינען,
און ווען וועלן מיר קענען פון פלען
ארויס,
די זון זי וועט פאר אונז אויפ-
שיינען,
און ווען וועלן מיר שוין קאָנען די
היימאט זען.

עמלקים איר טיראנען,
וועלכע האָבן אונזער פרייהייט גע-
רויבט,
פארניכט זאָל ווערן זייערע לענדער,
און צושמעטערט זאָל ווערן
זייער קייסערס קרוין.

אדעלמאן.

9*

דער דייטשל.

אז גאָט וועט געבן עס וועט זיך

ענדיקן די מלחמה,
עס וועט זיך עפענען פאר מיר אלע וועגן,
אוי אין שטאמבל*) מאמע וועל איך אוועקפארן,
איך וועל געפינען ביי מיין ווייבל א פארמעגן.

און ווי איך בין אין שטאמבל געקומען,
בין איך געבליבן שטיין ביי דער באן,
אוי, א גוטער ברודער האט מיר באנעגנט,
מיין ווייבל האט א דייטשל פאר א מאן.

און ווי איך בין צו איר אריינגעגאנגען,
אזוי בין איך געבליבן שטיין ביי דער טיר,
אוי, די יעגער מיט די די דינער טוען פרעגן, וואס וויל דער ארימאן פון איר.

אין ווי איך בין צו איר צוגעגאנגען,
אזוי האב איך איר ניט דערקענט.
אוי, זיווארפט זיך אין די זיידענע כאלאטן,
און גאלד און זילבער טראגט זי אויף אירע הענט.

טו, קום אהער, דו קעצעלע מיינע,
צי דען האסטו פאר מיר אזוי פיל געליטן,
און דריי יאר אין די אקאפעס אפגעלעגן,
און פאר א דייטשל האסטו מיר פארביטן.

אויף כפרות דארף איך דיר מיט דיין דייטשל,
פאר אן ארנטלעכע וועל איך אויסלעבן מיין וועלט,
אוי, איך קוק שוין ניט אויף דיינע קליידער,
איך דארף שוין ניט דיין געלט.

---

*) ניט דייטלעך.

XVII. פארשיידענע.

1*

בין איך מיר א יידעלע ווי אלע יידן,
בין איך מיר א יידעלע מיט אלעמען גלייך,
בין איך מיר א יידעלע מיט זיך צופרידן,
סיי בין איך ארים, סיי בין איך רייך.

2**

באראן באראן,
צען קישקעס נדן,
א טלית און קיטל
א פארך אונטערן היטל.

אסיפאוויטש, מינסק. גוב.

3*

בתולה נשאת,
גיב א פלאש!
נאר אינגאנצן
לאמיר טאנצן,
לאמיר זינגען,
לאמיר שפרינגען,
ביזן העלן טאג,
דער רבי זאגט—

מע מאַגן!

1913 מערעטש

4*

צווישן בע״ב און טאָלן
שטייען צווײ וואַנשאָלן
און מאָלן און מאָלן;
א גאַנצע נאַכט
ביז זייבער אַכט.
גייען צו באַזאַכט
צווײ שקצים
אָנגעטאָן ווי פּריצים,
אין מייטקעס שמאָלע,
מיט אַ קורצע פּאָלע
און מאַכן אַ התחלה
אויף אַ פּולע פּלאַש
פּול מיט יי״ש.
אַ קלעצל אַריין,
אַ קלעצל אַרויס,
די מעשה איז אויס.

מערעטש 1912.

5*

וויל איך עסן,
עסט מיין ווייב,
וויל איך טרינקען,
טרינקט מיין ווייב,
א. צ. ו.

. . . .

1912 מערעטש, ווילנער גוב.

6*

צוואַנציק קאָפּיקעס האָב איך,
און צען וועל איך לייען,
מיר וועלן נעמען אַ „זוראַשטשיק“
און וועלן זיך „קאַטאַיען“.

7*

אין טראַקטיר איז אויך פּיל בעסער,
עס קומען אָן זויפער, פרעסער,
מ׳עסט קאָטלעטן, בראַנפן, ביר
און באַצאָלן — איז דורכן הינטערטיר.

ש. שאַראַפּאַן.

8*

איך דאַרף אין טעאַטער ניט לויפן
איך דאַרף קיין בילעטן ניט קויפן,
איך גיי אַריין צו זיך אין שטוב
האָב איך אַ טעאַטער:
איין קינד קרעטשעט,
דאָס אַנדערע קוויטשעט,
איך האָב זיך אָן אייגענעם טעאַטער.

פּיזשו, מיין קינד אַ זאַטער—
טאָ זעץ זיך תהילים זאָגן,
וואָס דאַרפסטו דעם טעאַטער?
זאָל ער גיין מיט אַלדע קלאָגן.
מ׳נעמט אַ יידישע שטוב
און מ׳רייסט אַראָפּ די מזוזות,
און מ׳גיט אַ נאָמען קלוב
און מ׳זיצט מיטן היילן קאָפּ.

9*

— חיה שרהלע, חיה שרהלע,
וואו ביסטו געוועזן?
— איך בין געוועזן אין גאָרטן.
— חיה שרהלע, חיה שרהלע,
וואו ביסטו געוועזן?
— איך האָב געשפּילט מיט משה
מאַטקען אין קאָרטן.

. . . .
. . . .

דאָמבראָוויץ, וואָל. גוב. מ ו ש ע ר.

10*

אמאָל איז בעגאַנגען א יידענע דורכן טויער,
האָט זי פארלאָרן א קאָשיק מיט אייער,
זי איז בעגאנגען און בעקלאָגט
און קיינעם האָט וועגן איר ניט געארט,
דערנאָך האָט זי זיך פונאנדערגע־לאכט,
טרא לא לא לא לא לא.

אוי, איר מיידעלעך, איר ליידאטש־קעס,
גיט מיר אָפּ מיינע פיינע צאצקעס,
טרא לא לא לא לא לא.

איך קען דיר שווערן אויף מיינע גאמנות,
אז דעם רבינס ייִנגל איז געלעגן קראנק אין טויט סכּנות,
איך קען דיר שווערן אויף מיין געזונט,
אז מיין ליבער קינד איז שוין גע־זונט.

. . . .

11**

גייט א מיידעלע גאנץ באזאכט,
איינס, צוויי, דריי—
טידלאַי!

. . . .

און דאר איז זי ווי א שפּאָן,
און אין בוזים טראָגט זי קליידער אָן,
איינס, צוויי, דריי—
טידלאַי!

. . . .

12***

די קאבטע פון יאטקע
האָט א מיידל ביילקע,
טראָגט זי א רויטע קליידל
מיט א רויטע פאטשיילקע.
— הער, ביילקע, איך וועל דיר עפּעס פרעגן,
ווער איז דער בחור, וואָס שטייט אנטקעגן?

געהערט פון ל א ה ת ם.

13
„פּאָלקע באבאָצקע".

(די יידישע ווערטער פון דעם טאנץ)

צו חוקען זאָגט די מאמע:
וואָס ביסטו מיר געוואָרן פאר א דאמע,
דו גייסט ארום שפּאצירן
מיט פרעמדע קאוואלירן,
חוקע די מערזאווקע,
מיט די שליאפּקע אָן א זייט,
דו גייסט ארום שפּאצירן דוקא
מיט פרעמדע יונגע לייט.

ס א נ י ע כּ ץ.

14*
פּאָלקע טאנצן.

פּאָלקע טאנצן בין איך גערן,
האָב איך ניט אזעלכע הערן,
אזעלכע הערן זאָ ווי דו,
טרעט איך מיטן קנאפּל צו.
הערן, וואָס גייען ווייסע האנטשן,
מיט די גיי איך א פּאָלקע טאנצן.

15*

ביי דעם עסן גיב איך אַ שטאָך,
ביי דעם טרינקען אודאי,
איך לעב מיר אַף די גאַנצע וואָך
מיט דער שענסטער מאָדע.

• • • • • • • • • •

16*

א.

קוקורעקו איז אַ האָן,
ווי די מעשה הויבט זיך אָן,
אייכאַ ניעקאַוואַ,
טשאַרנאַ יאַסנאַ האַלקאַ,
טשיסטאַ מאַיאַ פאַלקאַ.

ב.

טאַטע מאַמע, קויף אַ פאַן,
וועלן מיר טאַנצן אין איין קאָן,
אייכאַ ניעקאַוואַ,
טשאַרנאַ יאַסנאַ האַלקאַ,
טשיסטאַ מאַיאַ פאַלקאַ.

17*

אַרויס אַ נייע מאָדע..

אַרויס אַ נייע מאָדע
זיידענע טיכלעך אויפן האַלז,
די לייטישע מענטשן טאָר מען ניט גלויבן,
זיי זיינען אַלע פאַלש.

• • • • • • • • • •

• • • • • • • • • •

וואַר. ד. א—ן 7 „פנקס"]

18*

ווילסטו זיין אַ זאַטער,
טאַ זעץ זיך תהלים זאָגן,
ווילסטו גיין אין טעאַטער,
טאַ גיי מיט אַלדע קלאַגן!

19*

האָפּ טשיק ברײנע,
איך האָב צו דיר אַ טענה,
דו ביסט ניט מיינע,
איך בין ניט דיינע!

שלום עליכם, „יאַסעלע סאָלאָוויי"
וואַר. „כהן"

20

בעיטע, שילער אונט איך,
ווי פאַסט זיך דאַס צוזאַגן?
בעיטע שריב שיינע געדיכטע,
שילעה שריב שיינע געשיכטע,
און איך האָב שיינע געזיכטע.

באָרנשטיין, קראָקע.

געהערט פון אַ 42 יאָריקער יידישער פרוי.

די אָנגערופענע דייטשע שריפט־שטעלער זיינען זייער פּאָפּולעה אין גאַליציע.

21*

איך קען אַ מיידעלע יענטע,
זי האָט אַ שמאָלע פּענטע,
זי דרייט זיך הין און הער,
מע רופט איר סאַנטע קלער.

22

וואָס לעב איך אויף דער וועלט
פינף דעם זייגער פאַרטאָג
בין איך צו די וואַסער געשטעלט.
פול די פלים וואַסער,
אַז די רייפן פאַלן אַראָפּ.

סטייעט פאר איינעם קיין וואסער ניט,
קריג איך אין קאפ.

לונסקי.

23***

א שמחת-תורה קדיש.

(צו זינגען מיטן ניגון פון קדיש של נעילה)

אז מיר וועלן גוט זיין
און מיר וועלן פרום זיין,
וועט מען אונז ניט שמייסן.
אבער אז מיר וועלן ניט גוט זיין
און ניט פרום זיין,
וועט מען אונז יע שמייסן.
דעריבער מוז מען גוט זיין
און פרום זיין
מע זאל ניט שמייסן

בעהערט פון אליעזר בן סמארגאן, ווילנ. גוב.

24***

(א ווילנער לידל, וואס די קאטע־רינשטשיקעס פלעגן אמאל שפילן אויף די הויפן).

הערט אויס בריינע,
איך האב צו אייך א טענה,
אז איר צאלט ניט קיין דירה געלט,
איז די דירה מיינע.

גייט אריין דער באלעבאס,
נעמט אראפ די שליאפע,
אז מע צאלט ניט קיין דירה-געלט,
ווארפט מען ארויס די קאנאפע.

דירה-געלט,
דעם באלעבאס דירה-געלט,
דעם טשאסאוואי דירה-געלט,
דעם גארדאוואי דירה-געלט
מוז מען צאלן.

ווער.—כהן.

25*

שניידערל.

בין איך מיר א שניידערל א גוטער,
ביי איך מיר און ביי א פוטער,
דריי איך מיר אהער, דריי איך מיר אהין,
נעם איך א האלב ארשין.

בין איך מיר א שניידערל א גוטער,
ביי איך מיר און ביי א פוטער
כ'נעם ארויס די גוטע וואטע,
ביי אריין אן אלטע שמאטע.

(פארשריבן ביי די ווילנער קינדער, וואס זיינען געווען אין ווארשעווער אינטערנאט).

26****

א שמייסער א דיקער,
א גרויסער שכור,
איז אין ווארשע געפארן,
האט ער דעם וואגן פארלארן.
איך בין א בעל-עגלה,
איך קלאג מיט א יללה,
וואס מ'האט מיר די פרנסה געגעבן,
מסתמא בין איך ווערט,
עס איז מיר באשערט.

27

ווי עס קומט נאווראק,
געווארן בראנפן אכט גראשן א קרוטשאק,

עס קאַכט אין די גאַסן ווי אין
א קעסל,
יעדערער געלאָפן מיט א פלעשל.

28****

אויף די גלעזעלע בראַנפן.

אויף די גלעזעלע בראַנפן מאַכן מיר
„ברוך",
אזוי שטייט דער דין אין שלחן ערוך.

אויף די גלעזעלע בראַנפן מאַכן מיר
„אתה",
בראַנפן האָט געטרונקען אברהם
אונזער טאַטע.

אויף די גלעזעלע בראַנפן מאַכן מיר
„אדיישעם",
ווער וואָס טרינקט ניט קיין בראַנפן,
זאָל זיצן אין א קאַליישעם.

אויף די גלעזעלע בראַנפן מאַכן מיר
„אלהינו",
בראַנפן האָבן געטרונקען אונזערע
אָבות אבותינו.

אויף די גלעזעלע בראַנפן מאַכן מיר
„מלך",
בראַנפן האָט געטרונקען אונזער
זיידע מתושלח.

וואר. ג. מ. 370.

29**

אויף דער גלעזעלע בראַנפן
מאַכן מיר „ברוך אתה";
ווער עס טרינקט שמחת-תורה קיין
בראַנפן ניט,
איז דאָך א שוטה.

אויף דער גלעװעלע בראַנפן
מאַכן מיר „ה' אלהינו";
אזוי האָבן אונז געהייסן
אונזערע אבות אבותינו.

אויף דער גלעזעלע בראַנפן
מאַכן מיר „מלך";
אזוי האָט אונז געהייסן
דער זיידע מתושלח.

אויף דער גלעזעלע בראַנפן
מאַכן מיר „העולם"
ווער עס טרינקט שמחת-תורה קיין
בראַנפן ניט,
איז א ליימענער גולם.

אויף דער גלעזעלע בראַנפן
מאַכן מיר „שהכל נהיה בדברו"
ווער עס טרינקט שמחת-תורה קיין
בראַנפן ניט,
טויג אויף א כפרה.

וואר. ג.—מ.

30*

ליד פון דער משקה.

משקה לאָמיר טרינקען, ברידער,
מיר זאָלן זוכה זיין צו טרינקען
ווידער,
לאָמיר ברידער טרינקען משקה,
מיר לעבן נאָר פון איר לאַסקע.

ווען די משקה וואָלט אונז געפעלט,
וואָס וואָלטן מיר געטויגט אויף דער
וועלט,
די משקה טו איך ערלעך האַלטן,
איך שטיי פאַר איר ווי פאַר אַן
אַלטן.

ווייל זי האָט געקענט מיין עלטער־באָבן,
די באָבע פלעגט דאָס אויך ליב האָבן,
ווען דער שדכן איז געקומען צו מיין זיידן,
דעם טאַטן מיט דער מאַמען א שידוך ריידן,
מ׳האָט גערעדט און גערעדט און ס׳איז געוואָרן נישט,
ביז וואַנען די משקה האָט זיך ניט אריינגעמישט.
צוליב דער משקה איז דער שידוך געוואָרן געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער מאַמעס א חתן.

פון ביידע צדדים איז נדן געווען,
צען טעפ משקה מיט א גילדן צען,
מ׳האָט באַלד די חתונה געמאַכט,
מ׳האָט געטרונקען משקה א גאַנצע נאַכט.

צוליב דער משקה האָט דער טאַטע די מאַמען גענומען,
און צוליב דער משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען.

איך געדענק אויף מיין ברית,
איז די משקה ניט אראָפּ פון טיש.
אַלע האָבן געשריען מזל טוב,
דאָס קינד זאָל לעבן און זיין א רב,
דעריבער טרינק איך א רוב כּוס,
דאָס רוב טרינק איך גאָר אָן א מאָס.

בשעת מ׳האָט מיר אנטוויינט פון מיין מוטערס ברוסט,
האָב איך צו משקה געקראָגן א לוסט,
איך האָב שוין ניט געוואָלט עסן די מאַמעס קאַשקע,
איך האָב גאָר געוואָלט טרינקען משקה.

צו מיין בר־מצווה האָט מען מיר געהייסן טרינקען אָן א שיעור,
ווייל די מצווה איז דאָס די גרעסטע,
צו טרינקען משקה גאָר דאָס בעסטע.

ווען איך טרינק מיר אויס א גלעזל דריי,
דאַן בין איך פון אַלע מצוות פריי,
ווען מ׳וויל מיר פאַר עפּעס שטראָפן,
זאָג איך, איך בין גאָך ניט אויס־געשלאָפן.

בשעת מ׳האָט מיר צו דער חופּה געבראַכט,
— וואָס דאַרף איך די צרה? — האָב איך געטראַכט.
מ׳האָט באַלד די משקה געבראַכט צו טראָגן,
די זיבן ברכות אויף משקה צו זאָגן.

זאָג מיר, דו משקה, די קלוגע דבורים,
שטיי רואיק ביי דער חופּה און האָב ניט קיין יסורים,
ווען דיין ווייב פאַרדרייט דעם גאָז,
טרינק גאָר אויס א גרויסע גלאָז.

ווען דיין ווייב גיט א געשריי,
טרינק גאָר אויס איינס און צוויי.
זאָל זי שרייען און ניט אויפהערן,
דו זאָלסט די משקה אריינקערן.

אַט אַזוי איז אויך פאַרצייטן געווען,
וואָרים דער עץ־הדעת איז אַ וויינ־
שטאָק געווען,

חוה האָט אדמען איינגערעדט,
אַז טרינקען משקה איז ניט קיין חטא.

ווען אדם וואָלט חלילה תוהן ניט
ליבן,
וואָלט ער איר באַלד אַרויסגעטריבן,
ווען עס איז די צייט ניט גוט,
טרינק נאָר משקה און פאַרליר ניט
קיין מוט.

מיר האָבן דערציילט אַלטע לייט,
אַז גוט וועט נאָך זיין אין משיחס
צייט,
די משקה וועט זיין פאַר אָרים און
רייך,
די משקה וועט זיין אין יעדער טייך.

איך האָב ליב די משקה מיט איר
זיסן לשון,
אמת, איך גיב פאַר איר מיין לעצטן
גראָשן,
נאָר זאָל שוין זיין ווי עס איז,
איך וויל טרינקען משקה און צאָלן
אַקציז.

אָ, זאָל די משקה ווי טייכן וואַסער
לויפן,
איך קען מיר די משקה אין רע־
סטאָראַן קויפן,
די מצוה פון דער משקה בין איך
תמיד מקיים,
און מאַך מיר אַלע ווײַלע לחיים!
לחיים!

דורך משקה ווערט יעדערער שטאָלץ
און פריילעך,
פון אַן אונטער שמש ווערט אַ מלך,
דורך משקה האָט לוט בעגומען
זיינע טעכטער,
און האָט געמאַכט פאַר דער וועלט
אַ געלעכטער.

31****

ברוך אלהינו שבראנו לכבודו
טוען מיר אַלע טאָג באַנייען,
אַ גאַנצע וואָך האָרעווע איך דאָך
און אויף שבת גיי איך לייען.

און צו לייען און צו לייען און צו
לייען,
אַבי ניט ביי אַ דלפון,
אָן ברויט קען מען זיך באַגיין
אָבער ניט אָן בראַנפן.

און די בראַנפן און די בראַנפן און
די בראַנפן,
דאָס איז מיין נחמה,
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
דערקוויק איך מיין נשמה.

און די נשמה און די נשמה און די
נשמה,
זאָל זיין ביי מיר אינגאַנצן,
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
גיי איך אַוועק טאַנצן.

און צו טאַנצן און צו טאַנצן און צו
טאַנצן,
און דערצו טו איך טויבן,
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
עפנט זיך ביי מיר די אויגן.

און די אויגן און די אויגן און די
אויגן,
זאָל זיי ניט שאַטן קיין עין-הרע,
אז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
מאַך איך שהכל נהיה בדברו.

און שהכל און שהכל און שהכל,
אַבי ניט אויף מים,
אז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
זאָג איך מיר לחיים.

באַמערקונגען:

1) ס׳זינגט זיך אין מאָהיליעווער גוב. (ווייסרוסלאַנד).

2) געהערט פון אַ געקומענעם פון אוקראַינע.

32*****

אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן
זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך אלימלך;
(דריי מאָל)

האָט ער אויסגעטאָן די תפילין, און
האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.
און אַז די פידלענדיקע פידלער
האָבן פידלענדיק געפידלט,
האָבן פידלענדיק געפידלט האָבן זיי.
(צוויי מאָל)

אַז דער רבי אלימלך און אַ. וו.
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל און
האָט אָנגעטאָן די היטל
און געשיקט נאָך די צימבלער
די צוויי.
און אַז די צימבלענדיקע צימבלער
האָבן צימבלענדיק געצימבלט
האָבן צימבלענדיק געצימבלט האָבן זיי.
(צוויי מאָל)

אַז דער רבי אלימלך און אַ. וו.
האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה און דער
שמשל נפתלי
איז געגאַנגען נאָך די פּייקלער די צוויי.

און אַז די פּייקלענדיקע פּייקלער
האָבן פּייקלענדיק געפּייקלט
האָבן פּייקלענדיק געפּייקלט האָבן זיי.
(צוויי מאָל).

באַמערקונגען:

1) דערצו איז פאַראַן זייער אַ שיינע מעלאָדיע.

2) באַקומען פון איינער אין ראַטן-רוסלאַנד אין יאָר 1921.

33*****

ווי גאָט האָט באַשאַפן
הימל און ערד,
אַזוי האָט ער באַשאַפן
גראָז אויף דער ערד.

ווי ער האָט באַשאַפן
גראָז אויף דער ערד,
אַזוי האָט ער באַשאַפן
אָדמען אויף דער וועלט.

ווי ער האָט באַשאַפן
אָדמען אויף דער וועלט,
אַזוי האָט ער אים געלאָזן
אויפן פרייען פעלד אליין.

אזוי האָט ער אויסגעשניטן
זיין פרוי חוה פון זיין ביין.

ווי גאָט האָט אויסגעשניטן
זיין פרוי חוה פון זיין ביין,
אזוי האָט זי אָנגעהויבן
צו שפילן און צו לאכן.

ווי זי האָט אָנגעהויבן
צו שפילן און צו לאכן,
האָט זיך אָדם אָנגעהויבן
פון שלאָף אויפצוּוואכן.

אָדם דו ליב,
אָדם דו מיין,
קום, לאָמיר גיין
אין גן-עדן שפּאצירן אריין.

ווי זיי האָבן אָפּגעשלאָסן
דעם ערשטן שליסל,
האָבן זיי דערזען
אַן עפּל א זיסן.

ווי זיי האָבן פארזוכט,
ווי דער עפּל איז זיס;
אזוי האָבן זיי פארשטאַנען,
ווי נאַקעט זיי איז.

איז גאָט אראָפּ
מיט גרויס ברומען:
—אָך דו בייזער אָדם,
ווי טוסט זיך דאָ געפינען?
דערפאַר זאָלסטו דיין ברויט שווער
פארדינען.

גאָט דו ליב
גאָט דו מיין,
ניט איך בין שולדיק,
מיין פרוי חוה רעדט מיר איין.

איז גאָט אראָפּ
מיט גרויס ברומען;
—אָך דו בייזע חוה,
ווי טוסט זיך דאָ געפינען?
דערפאַר זאָלסטו דיינע קינדער שווער
געווינען.

34

דאָרטן אין טורמע הינטער די גראָבע
ווענט
זיצט נעבעך א מאַן איינער אליין,
די קאָפּ אָנגעשפּארט אונטער די
דאַרע הענט
און ער זינגט א ליד, וואָס די
הארץ קען צוגיין.
אוי, די פרייע וועלט איז פאַר אים
פארשטעלט,
ער קען ניט אויפן גאַס ארויסגיין,
דער הייליקער גייסט, ער לאָזט אים
ניט רוען
אפילו אין קארצער אויך.
שטענדיק קומט ער צו אים צופליען
און צומישט אים זיינע רעיונות מיט
זיין מוח.

• • • • • • • • • •

שטעל איך זיך מיט מיין גייסט-
לעכער שטימע

• • • • • • • • • •

פּראָסטראַנסטווא איז פאַר אים צו קליין,

• • • • • • • • • •

צום עשאפאט וועל איך גיין.

א ברוכשטיק פון א ליד. ווריאנטן אין דער זאמלונג „ארבעט און פרייהייט“ פון ש. לעמאן אפט. VI.

צוגעקומען אין משך פון זעצן.

שפילן. 1*

אַ פייגעלע פליט!..

(א שפיל פאר קלענערע קינדער).

אלע אנטיילנעמער זיצן ארום טיש, און האלטן אויפן טיש דעם אנווייזונגס-פינגער.

איינער הייבט אן:

א פייגעלע פליט!—

זאגט ער גיך און הייבט אויף דעם פינגער אינדערהייך.

אלע טוען אים נאך און הייבן אויף אינדערהייך די פינגער.

א באוויז, אז זיי זיינען מסכים מיט דעם, וואס ער זאגט.

א מענטש פעדט!—זאגט דער ערשטער נאך גיכער ווי פריער.

די פינגער הייבן זיך ווידער אינדערהייך.

— א טאפ לאקשן פליט!

ווידער הייבן זיך די פינגער אינדערהייך. איצט קומט דאס שוין פאר פון האסט. דער ערשטער רופט בפיוון אן אויף גיך די נעמען פון די געגנשט. און דער עולם באוויזט גיט צו באטראכטן.

2*

קאַמער-קאַמער הויז.

פיר קינדער שטעלן זיך אין פיר ווינקלען, א פינפטער גייט צו צו יעדערן פון זיי און פרעגט:

קאמער, קאמער,
קאמער הויז?

יעדערער שיקט אים אפ מיט אן ענטפער:

שייסטער פייסטער
יענער הויז!

אין דער צייט ווען ער קערט זיך אפ צו אן אנדערן, בייטן זיך דערווייל די הינטערשטע מיט די עהטער. ער דארף דאס האבן אין זינען און זיך פארכאפן אן ארט. אויב דאס גיט זיך אים איין, בלייבט אן אנדערער אויסן און יענער דארף גיין פרעגן.

זע נומ. 6.

3**

וואר. צום נומ. 1 פון די קינדערלידער.

קאראהאד, קאראהאד,
עפנט זיך דער טויער.
ווער פארט, ווער פארט?
דער קיסר מיט די קינדערלעך.
אין וואס גייען זיי אנגעטאן?
אין גאלד און אין זילבער.
אויבן אן
שטייט דער האן,
אין די לאפטשעס
אנגעטאן.

4**

2-טער וואר.

קאראהאד, קאראהאד,
עפנט זיך דער טויער,
ווער פארט, ווער פארט?
דער קיסר מיט די קינדערלעך.
אין וואס גייען זיי אנגעטאן?

אין גאָלד און אין זילבער.
אפן אויוון זיצן זיי,
אונטערן אויוון שוויצן זיי,
שוועבעלעך רייבן זיי,
קאָטשקעלעך פּאַרטרייבן זיי,
די שעפּסעלעך מאַכן מע.

ציילעניש.

1*****

מודה אני,
זאַסיפּאַני,
פּאַני זאַסי,
קופּי באַסי,
באַסי קופּי,
סאַלי לופּי,
לופּי סאַלי,
חתן-כּלה,
כּלה-חתן,
רבי נתן,
נתן רבי,
טשאָרט נאַ טעבע.

באַמערקונג: אַן אויסציילעניש אין טשערניגאָווער גוב. (אוקראַינע).

2*****

איינס, צוויי, דריי,
אָדער לידער ליי,
דער קיניג גייט פאַרביי,
דער זייגער שלאָגט שוין דריי.

א ל אַ נ ג ע מ ע ש ה.

אַ הון מיט אַ האָן,
די מעשה הייבט זיך אָן,
אַ קו מיט אַ קאַלב,
די מעשה איז האַלב.
אַ קאַץ מיט אַ מויז,
די מעשה איז אויס.
גייט אַלע אַרויס!

וואַר כהן II

היי, היי, יאַסטע,
וויפל טויבן האָסטע?
איך האָב איינע,
די איינע גיט מיר שטרוי,
די שטרוי גיב איך די קו.
די קו גיט מיר מילך,
די מילך גיב איך די קעצעלאַך,
די קעצעלאַך גיבן מיר פעלכעלאַך,
די פעלכעלאַך גיב איך דעם גאַרבער,
דער גאַרבער גיט מיר מעל,
די מעל גיב איך דעם בעקער.
דער בעקער גיט מיר ברויט.
די ברויט גיב איך די הינדעלאַך,
די הינדעלאַך לייגן מיר אייעלאַך,
די אייעלאַך פאַרקויף איך,
די געלט פאַרזויף איך.

וואַר. — ג—מ. 102; כהן II—115, 134; „פּנקס“ רעד. ניגער—22; אונזער זאַמלונג, „פאַרשיידענע“ 9.

לידער, וואָס זיינען צוגעקומען אין משך פון דרוקן.

1) קינדערלידער.

1.

אליין, אליין,
קינדעלע גיין!
(ווען אַ קינד הייבט אָן צו גיין).

2.

באַבינקע, באַבינקע,
גיי אַרויס פון אייגעלע,
אניט וועל איך געבן מיט אַ שטעקעלע,
פו-פו-פו!
(ווען אַ קינד פאַרטרייסלט אָן אויג).

3.

ענדע, פענדע, צענדע, מע,
אבל, פאבל, דע מינע,
איקע, פיקע, גראַמאַטיקע,
איינע, קליינע זאַנס.
איינס צוויי דריי,
דו ביסט פריי.

4.

משה רבינוס קיעלע,
זעץ זיך אויף מיין קניעלע,
מאַך ניט אָן קיין טומל—
פלי דיר גלייך אין הימל.

5.

אונדז אין דער הייך,
זיי אין דער נידער,
מאָרגן צען ווידער.

אהרן שמידט (האָראָדאָק)

6.

אַ זון מיט אַ רעגן,
די כלה איז געלעגן.
וואָס האָט זי געהאַט?
אַ ייגעלע.
ווי אַזוי האָט עס געהייסן?
משהלע.
וו האָט מען עס געוויגט?
אין אַ וויגעלע.
וו האָט מען עס באַגראָבן?
אין אַ גריבעלע.
(פון „ווינטשפינגערל“ ממ״ס)

7.

האָץ, האָץ, האָץ,
לעבעדיק פריילאַך אַלע,
מאַמע באַקט די חלה!
האָץ, האָץ, האָץ,
דער טאַטע גיט געלט,
די מאַמע קוועלט.
— קינדער, צום טיש!
נאַט אייך יויך אַ שיסל,
פון אַ הון אַ פיסל,
פון אַ הערינג אַ קעפל,
און אַ קוגל פון עפל!
האָץ, האָץ, האָץ!
חנה, לאה, צפורה,
האָץ, האָץ, האָץ,
אסתר, שרה, דבורה!
(פון „ווינטשפינגערל“ ממ״ס)

---

2) ליבע=לידער.

1.

קום אהער צו מיר, מיין לעבן,
קום אהער צו מיר, מיין טרייסט,
א קישעלע וועל איך דיר געבן,
אן אנדענקונג האסטו פון מיר...
(איין פערז פון א גרעסערן ליד)

2.

און אז די מילן מאלן זיך,
דרייען זיך די שטיינער,
און אז יאסל קישט זיין כלה,
זעט דאך נישט קיינער.

אזא קליינער לאבוס
פירט דאך שוין א ליבע,
אזא קליינער שטשעניוק
פירט דאך שוין א ליבע.

(ניט פארענדיקט).
איבערגעגעבן פון חיים וואסערטרעגער.

3.

זאג מיר נאר, דו מיידעלע,
וואס איז מיט דיר דער מער,
ווען איך גיי צו דיר,
גיסטו זיך א קער.

אפשר איז דיין מאמע
פון מיר ניט צופרידן,
אפשר האלט זי מיר
ניט פאר קיין יידן.

איך גיי ארום ביינאכט
לעבן דיין ארט,
אפשר וועל איך דיר געפינען
און הערן פון דיר א ווארט.

געדענקסט ווען מיר האבן ביידע
אין וואלד זיך דערקענט,
געדענקסט ווען מיר האבן ביידע
זיך געפירט פאר די הענט?

דו האסט פילייכט פארגעסן,
וואס עס איז געווען דאן,
דו האסט מיר צוגעזאגט
נעמען פאר א מאן.

די מאמע קאן דיר ניט ליידן,
ווייל דו ביסט א שארלאטאן,
און איבער דעריבער
קאנסטו ניט זיין מיין מאן.

מערעטש. 1913.

4.

אוי איז מיר, מאמעניו,
דער קאפ טוט מיר וויי,
— הארצעניו ליובעניו,
זארג ניט אזוי.

ווי אזוי זאל איך ניט זארגן,
אז ער פארט אוועק,
און פון מיין זיס לעבן
איז דאך גאר אן עק.

ער פארט אוועק
און גלייך קיין אדעס,
אז איך האלט עס אויס,
איז א גרויסער נס.

דו פארסט אוועק
און איך אליין בלייב,
הארצעניו, לובעניו,
א בריוועלע כאטש שרייב.

א בריוועלע וועל איך שרייבן,
נאָר ניט צו דיר.
— הארצעניו ליובעניו,
פארוואָס קומט עס מיר?..

(לערנער „הויזפריינד" II)

·5

. . . .

און אז מע וועט דיך פרעגן,
וואָס איז היינט אזוי שפּעט?
וועסטו זאָגן א תּירוץ,
אז דו האָסט ביז אהער געגייט.

איין תּירוץ וועל איך זאָגן,
אז איך האָב געאַרבעט שפּעט,
דעם צווייטן וועל איך זאָגן,
אז איך האָב געבלאָנדזשעט אין וועג.

דער דריטער תּירוץ איז—
איך האָב מיך געבאָדן און געשווומען,
א שאַרלאַטאַן האָט מיך גענאַרט
און האָט מיך ניט גענומען.

·6

ביסט דאָך מיט מיר ברוגז,
איך וויים דאָך פאַרוואָס,
דו גייסט אַרום א גאַנצן טאָג
אַראָפּגעלאָזט די נאָז.

ווילסטו מיר ניט גלויבן,
אז איך האָב דיך ליב,
לאָמיר ביידע פאָרן צו א גוטן ייד.

פון א גוטן ייד
צו א גוטן חלום,
גיב זשע מיר דיין הענטעלע,
לאָמיר מאַכן שלום.

·7

די לבנה שיינט אין מיטן דער נאַכט,
און אסתּרל שטייט ביי דער טיר,
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז
פאַרטראַכט,
אוי, א ווייטאָק איז איר!

האָדי שוין טראַכטן, האָדי דאָס געוויין,
צו קלערן לאָז זיין שוין גענוג,
אזא שיין הארץ ווי יאַנקלס איז
געווען,
ער וועט שוין ניט קומען צוריק.

צו ווייגען וועל איך האָבן,
מאַמע לעב,
אזוי ווי אייגער ווייגט אויף א קרבן,
איינריידן וועל איך מיר אין הארצן,
אז מיין זיס לעבן איז שוין געשטאָרבן.

·8

שיין ביסטו, הדס־לעבן,
אזוי העל ווי די זון,
מיט מיר טוסטו ריידן,
אָן אַנדערן האָסטו אין זין.

מיט מיר טוסטו ריידן,
אז דו וועסט זיין מיין,
ניין, ניין, הדס־לעבן,
עס קען אזוי ניט זיין.
איך וועל אַנטלויפן
אין דער ווייטער וועלט אַריין.

3) פאַמיליענלידער.

·1

נישט קיין בתולה, נאָר א פרוי,
אַי ליו ליו ליו—האָבער, שטרו!

אנדערע מיידלאך צוקער נאשן—
איך דעם קינדס ווינדעלאך וואשן.
אנדערע מיידלאך טאנצן, שפרינגען,
איך וועל אי ליו ליו זינגען.

• • • • • • • • • • •

.2

די יום=טובדיקע טעג.

די יאָנטעוודיקע טעג טוען זיך
באווייזן ,
וער איך ביי מיר א גדול,
איך לייג אוועק שער און אייזן
און ווי איך האָב נאָר א נאָדל.

אויפגעהערט ארבעט זוכן,
הארצעדיקער טאטע !
א גלעזעלע ווייַן פון יאָנטעוו צו
פארזוכן
איז בעסער ווי צו לייגן א לאטע.

די קינדערלעך זאָט, ס'איז פשוט
א חיות,
זיי שפּילן זיך עקעך-מקח,
נאָך דעם דאַוונען מאַך איך קדוש
און פארבייס מיט האָניק-לעקאך.

צו די פיש האָב איך קיין טענות,
בענוג געפעפערט און געזאלצן,
מע נעמט זיי אין מויל אריין, לעבן
זאָל חנה,
וערן זיי פשוט צעשמאָלצן.
ביי דעם עסן זאָג איך מיר זמירות,
די קינדערלעך העלפן מיר אונטער,
נאָך דעם עסן כאַפּ איך א דרעמל,
מיין חנה דרעמלט אונטער.
נאָך דעם שלאָף טו איך זיך איילן,
ווייל ס'איז שאָד צייט צו פארלירן,
נעם איך מיר חנהן מיטביידע קינדער
און גיי אין גאס אריין שפּאצירן.

די יאָנטעוודיקע טעג גייען שוין אוועק,
הארצעדיקער טאטע,
ווידער נייען, ווידער שניידן,
און ווידער לייגן א לאטע,
ווידער גיין ארבעט זוכן,
ווידער שטיוול צערייסן,
זאָג זשע מיר, חנה סערצע מיינע,
אפשר האָסטו נאָך פון יאָנטעוו צו
פארבייסן .

(דער „יודע" 1918, מיטגעטיילט
פון ה' אבערארצט ד"ר סאלאָמאָן
פרידעקער, טעקסט און מעלאָדיע
אויפגעצייכנט אין כעלם 1915).

.3

אויפן בארג שטייט א טייבעלע,
זי טוט מיט איר פּאָר ברומען,
איך האָב געהאט א גוטן פריינד,
און קען צו אים ניט קומען .

בעכן טרערן טוען זיך
פון מיינע אויגן רינען,
איך בין געבליבן ווי א שפּענדעלע
אויף דעם וואסער שווימען .

גאָר די וועלט איז אַף מיר געפאלן,
זייט איך ביך געבליבן אליין,
זיץ איך דאָך טאָג און נאכט,
יאָמער איך און וויין.

טייכן טרערן טוען זיך
רינען פון מיינע אויגן,
איך זאָל האָבן פליגעלאך,
וואָלט איך צו אים געפלויגן.

לייגט זיך, קינדערלאַך, אַלע ארום מיר,
אייער טאַטע איז פון אייך פארטריבן,
קליינע יתומים זייט איר דאַך,
און איך בין אַן אלמנה=חיה געבליבן.

4.

די וועלט איז דאָך קיילערדיק.

די וועלט איז דאָך קיילערדיק,
אזוי ווי אַן איי, אזוי ווי אַן איי,
אָפּצופאָרן פון דער וועלט
איז אָך און ווײ!

דאָרטן ליגט אַ קראַנקער מענטש
אויף אַ קראַנקע בעט,
גייט אריין אַ יונגע פרוי
און בעט אַ תנאַי=גט.

אַ תנאַי=גט
וועל איך דיר ניט געבן,
גיי אין בית=המדרש
און בעט, אַז איך זאָל לעבן!

צינדט אָן ליכט אין אַלע רערן,
וויינט זשע, קלאָגט זשע, קינדערלאַך,
זשאַלעוועט ניט קיין טרערן.

צינדט אָן ליכט אין אַלע הייזער.
וויינט זשע, קינדערלאַך, קלאָגט זשע,
קינדערלאַך,
איר האָט שוין ניט קיין שפּייזער.

צינדט אָן ליכט אין אַלע פּאַלאַצן.
קלאָגט זשע, קינדערלאַך, וויינט זשע,
קינדערלאַך,
איר האָט שוין ניט קיין טאַטן.

וואַר. — נח פּרילוצקי „יידישע פאָלקס=לידער" II ב. 113 — 110.

---

3) אַרבעטער=לידער.

אַ פאָלקסליד וועגן הירש לעקערט. *)

און ווען אין ווילנע איז דער פּאראַד
געוועזן,
האָט זיך הירשקע פון זיין לעבן אַנטזאָגט
און ווען הירשקע איז פון שטוב אַרויס=
געגאַנגען,
געזאָגט האָט ער אַ גוטינקע נאַכט.

און ווען הירשקע איז צום צירק צוגע=
גאַנגען,
געקוקט האָט ער נאָר אַרום זיך;
און ווען הירשקע איז צום קאַסע צוגע=
גאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן, וואָס גיך.

---

*) הירש לעקערט איז געוועזן אַ יידישער אַרבעטער, אַ שוסטער. אין יאָר 1902 האָט ער געשאָסן אין דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן=וואַל דערפאַר, וואָס דער לעצטער האָט באַפוילן צו שמייסן די אַרעסטירטע אויף דער מאַי=דעמאָנסטראַציע.
די משרתים פון דער צארישער רעגירונג האָבן לעקערטן געשאָסן.

און ווען הירשקע איז אויף גאלעריי
ארויפגעגאנגען,
געסקריעט האט ער מיט די ציין;
אוי, ווי דערלעבט מען שוין צוועלף א
זייגער
און די פובליק זאל שוין נעמען גיין
אהיים.

דער זייגער האט שוין צוועלף געשלאגן
און די פובליק האט גענומען גיין אהיים;
און ווען הירשקע האט דעם גובערנא-
טאר געשאסן,
געטראפן האט ער אים אין פוס אין איין
זייט.

און ווען הירשקע איז פון גאלעריי
אראפגעלאפן,
געפאלן איז ער צו דער ערד;
די זשאנדארמען, זיי האבן אים אביסקע-
וועט, געפונען האבן זיי דעם איינציקן
רעוואלווער.

און הירשקען ט׳מען אין פערצנטן נו-
מער ארייננעפירט,
א קליין לעמפעלע שמיגלט זיך אפן וואנט;
דא ט׳זיך הירשקע גענומען בארעכענען,
אז דא איז ער אן אייביקער ארעסטאנט.

די ליבע חברים, זיי האבן גענומען
טרייסטן,
אז שיקן וועט׳ן אים אין סיביר;
און ווען דער זייגער וועט שלאגן אוי פיר
גיין וועלן מיר גלייך מיט דיר.

דער זייגער האט שוין פיר געשלאגן,
ארום און ארום איז גאנץ שטיל;

אוי, איר טוט נאך, ליבע חברים, אוי
שלאפן,
און מיט מיר טוט מען, וואס מ׳וויל.

די צווייטע שורה און
אנמערקונג— די לעצטע צווייטע
שורות פון יעדן פערז
חזרן זיך בייס זינ-
גען איבער.

צוועלף א זייגער ביידערנאכט, ליג איך
מיר און טראכט,
אף וואיענע פאליע איז שוין דער טויער
געמאכט, אוי וויי,
מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס
איז שוין מיין לעצטער טראכט,
אוי ווי׳ איז מיר!

איינס א זייגער ביידערנאכט, ליג איך
מיר און טראכט,
אף וואיענע פאליע איז שוין די תליה
געמאכט, אוי וויי.
מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס
איז שוין מיין לעצטער טראכט, אוי ווי׳
איז מיר!

צווי׳ אזייגער ביידערנאכט, ליג איך מיר
און טראכט,
אף וואיענע פאליע איז שוין מיט קא-
זאקן פארוואכט, אוי וויי.
מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס
איז שוין מיין לעצטער טראכט, אוי ווי׳
איז מיר.

דריי אזייגער ביידערנאכט, ליג איך מיר
און טראכט,

אוי, מע האָט מיר שוין די שווארצע קאַ-
רעטקע געבראַכט, אוי ווײ.
מײן הארץ האָט מיר געזאָגטו אַז דאָס
איז שוין מײן לעצטער טראַכט, אוי, ווײ
איז מיר.

פיר אַזײגער בײדערנאַכט, ליג איך
מיר און טראַכט,
אוי, מ'האָט מיר שוין אַף וואָיענע פּאַ-
ליע געבראַכט, אוי ווײ.
מײן הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס
איז מײן לעצטער טראַכט, אוי ווײ
איז מיר.

רבי: זײ זיך מתוודה און זאָג שוין אָפּעט
ווידוי אַף גיך.
הירשקע: אַוועק דו,פאַלשער מערדער, און
טוט מיר שוין אָפּעט מײן רעכט.

פאַרשריבן רוטשטײן ווילנע 1921
באַקומען פון ע. מאַרגאָלין.
וואַר. „אַרבעט און פרײהײט"
ש. לעמאַן.

2) צאַרנלאַנד, באַרבאַרנלאַנד...

(פון דער צײט פון דער רוסיש-יאַפּאַני-
שער מלחמה אין יאָר 1905—1904)

צאַרנלאַנד, באַרבאַרנלאַנד,
וואו ביסטו איצט טיף געזונקען.
ווער האָט דיר דײן מאַכט צעקלאַפּט,
און דײן בלוט געטרונקען ?

אין הימל הויך, דורך וואָלקן רויך,
דאָרט שײנט דאָך די לבנה,
דײן אָדל ליגט אַראָפּגעהאַקט
אין טויט שרעק און סכנה.

דער דונער קנאַלט, די פעסטונג פאַלט,
פּאָרט-אַרטור איז שוין גענומען,
אַדיע, ראַסײ, מאַך פּיס און גײ,
די קלעפּ זאָל דיר וואויל באַקומען.

פאַרטראָג דעם גזר, פאַרשווײג דײן צער,
דו האָסט פאַרדינט אים ערלאַך,
ווײל פון יידיש בלוט ווערט שטאַרק
ניט גוט.
די שפּיל איז צו געפערלאַך.

מיטגעטײלט — נ. ווירשופּ.

3) דער אָרעמער פּראָלעטאַריער.

ניט קײן הויז און ניט קײן הײם,
דער פאַרמעגן — שמאַטעס,
לעב נאָר לוסטיק און אָן זאָרג,
קוק ניט אַף די לאַטעס.

מיט די רײכקײטן דער גביר
קען דאָך רואיק ניט שלאָפן
און דער שלעפער אין דער הויל
זינגט זיך פרײלאַך — „האָפן"

ער שפּאַצירט מיט געזאַנג
און דער ווינט זינגט אונטער,
טראָגט זיך, רײכע, פון דעם וועג,
אָרימקײט גײט אונטער !

קאָרן וואַקסן פיל אַרום,
עס לײגן זיך די זאַנגען,
זעט זשע, ברידער,קוקט זיך צו,
הערט זיך צו די קלאַנגען.

ווילסטו ווײן, ווילסטו בײן,
ווער וועט זען דײן קלאָגן,
פאַל אַראָפּ נאָר בײ זיך,
וועט אַ הונט דיך פלאָגן.

.4

רבש"ע, דו ביסט דער פירער,
דער פירער, דער רעגירער
אויף דער גאַנצער וועלט.

שטיינערנע הערצער האָבן די באַלעבאַטים
זיי גלויבן ניט דעם אַרבעטער
פון דאַנען ביז אַהין.

אַז דער אָרעמער אַרבעטער נעמט אַ ביסל ייש,
כדי צו פאַרגיסן די ביטערע האַרץ,
רופט מען אים שוין פּיאַניצע אויפן מיטן גאַס.

און מע פאַרשאַפט אים זייער פיל שמאַרץ.

פראָסטע בראַנפן, ניט קיין וויין,
אַ גאָלדן בעכער, ניט קיין גלאָז,
רבש"ע, פאַר וואָס?

מיטגעטיילט נ. ווירשופ.

4) סאָלדאַטן=לידער.

אַז עס וועט קומען די נאַכט,
וועסטו זיצן פאַרטראַכט,
וועסט קלערן וועגן מיר,
וו איז איצט מיין מאַן,
דאָ איז ער נאָך פאַראַן,
צי וועט ער נאָך קומען צו מיר?

עלנט ווי אַ שטיין בלייב איך היינט,
ווייט פון עלטערן און גוטע פריינד,
פאַר וועמען וועל איך מיין האַרץ אויסריידן?

אַז איך וועל זיין מיט יסורים פול,
דער קאָפּ וועט מיר ווערן דול,
ווער וועט פאַרשטיין מיינע ליידן?

אין אַ מלחמה בין איך ניט קיין פרייער.
איך וועל מוזן גיין אין פייער.

און אַז די קויל וועט מיך טרעפן,
ווער וועט דיר אַ ידיעה געבן,
זאָלסט קיין עגונה ניט בלייבן?
עס כאַפּט מיך אָן אַ געוויין.

.2

פליט דאָס פייגעלע איבער אַלע ימים,
לאָז געריסן מיין געטרייע מאַמען.
פליט דאָס פייגעלע איבער אַלע פּאַלאַטן
לאָז געריסן מיין געטרייען טאַטן.
פליט דאָס פייגעלע איבער אַלע בלומען,
לאָז געריסן מיין געטרייע מומען.
פליט דאָס פייגעלע איבער אַלע בלעטער
לאָז געריסן מיין געטרייען פעטער.

ש. שאַראַפּאַן.

די ווערטער „פליט דאָס פייגעלע"
חזרן זיך איבער ביים זינגען 2 מאָל.

5) מלחמה=לידער.

אַף די גרינע פעלדער, וועלדער
וויי וויי!
אַף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער
וויי וויי!
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער.

און זיין קערפּער איז אים צעריסן,
וויי וויי!
און זיין קערפּער איז אים צעריסן,
פון זיינע וואונדן טוט בלוט פליסן
וויי וויי!
פון זיינע וואונדן טוט בלוט פליסן.

נישט קיין אָרון און נישט קיין מיטה,
נישט קיין פֿאָטער און נישט קיין מוטער,
וויי וויי!
ניט קיין פֿאָטער און ניט קיין מוטער
נאָר דאָס פֿערד דאָס געטרייע,
וויי וויי!
נאָר דאָס פֿערד דאָס געטרייע—
דאָס באַגלייט אים צו דער לוויה.
וויי וויי!
דאָס באַגלייט אים צו דער לוויה.

נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים
א קדיש זאָגן וויי וויי!
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים א קדיש
זאָגן
און נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים א ליכט
אָפּטראָגן וויי וויי!
נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים א ליכט
אָפּטראָגן.

קומט א פֿויגל אָן צו פֿליען
וויי וויי!
קומט א פֿויגל אָן צו פֿליען
אויף זיין קבר זיך אָפּרוען
וויי וויי!
אויף זיין קבר זיך אָפּרוען.

אוי, דו וואָראָן, שווארצער פֿויגל,
וויי וויי!
אוי, דו וואָראָן שווארצער פֿויגל,
נאַ דיר די הענט, לאָז אָפּ די אויגן
וויי וויי!
נאַ דיר די הענט, לאָז אָפּ די אויגן.
אוי, דו פֿויגל, פֿלי געשווינד,
וויי וויי,
אוי, דו פֿויגל, פֿלי געשווינד,
און זאָג אָן די מאַמען, אז איך בין געזונט!
וויי וויי!
און זאָג אָן די מאַמען אז איך בין געזונט.

פֿון דעם טויט זאָלסטו איר נישט זאָגן
וויי וויי!
פֿון דעם טויט זאָלסטו איר ניט זאָגן,
ווייל זי וועט נעבאך וויינען און קלאָגן,
וויי וויי!
ווייל זי וועט נעבאך וויינען און קלאָגן.

קומט דער פֿויגל צופֿליען אהיים
וויי וויי!
קומט דער פֿויגל צופֿליען אהיים
און טרעפֿט מיין מאַמען טרויעריק שטיין.
וויי וויי!
און טרעפֿט מיין מאַמען טרויעריק שטיין,
ווייל זי דענקט אָן איר זון באַשטענדיק
וויי וויי!
ווייל זי דענקט אָן איר זון באַשטענדיק,
אפשר איז ער נאָך לעבענדיק.
וויי וויי!
אפשר איז ער נאָך לעבענדיק.

ווען דאָס זאמד וועט ווערן צערינען,
וויי וויי!
ווען דאָס זאמד וועט ווערן צערונען,
וועט איר זון פֿון קריג אהיים קומען,
וויי וויי!
וועט איר זון פֿון קריג אהיים קומען.
אוי, קיין זאמד עס וועט נישט צערינען,
וויי וויי!
אוי קיין זאמד עס וועט נישט צערינען,
זי האָט נישט קיין זון, ער וועט נישט קומען
וויי וויי!
זי האָט נישט קיין זון ער וועט נישט קומען

„דער יודע״ 1918 — אנשל קליינמאַן.

6) סאַטירישע לידער.

1.

דאָס דאַווענען.

א מאַמע האָט אַמאָל געזאָגט צו איר זון:
„נעם, מיין זון, א סידור און דאַווען".
האָט דער זון גענומען א סידור און
געדאַוונט אַזוי:
מה טובו — א האָץ,
ברוך שאמר — א קלאָץ,
ברוך הוא — אהאַי?
שמונה עשרי — א קאַטאַי,
עלנו — א שפּיי.
און אַזוי האָט ער אָפּגעדאַוונט.

כץ אבאָ. ווילנע.

2.

וואָס מע גיט אַ חתן מיט אַ כּלה נאָך דער חתונה.

א חתן האָט זיך אַמאָל איינגעעקשנט, אַז ער וויל ניט חתונה האָבן. פרעגט מען ביי אים: פאַרוואָס? זאָגט דער חתן: טאָמער די ווייב וועט שטאַרבן, וויל איך א פריער, מע זאָל מיר עפּעס געבן.
האָט אים דער שדכן אויסגערעכנט:
היום יום טרעצי דזיען,
יעווריסקאַיא סובאָטאַ,
איוואַן דאַנאַן קבורות מאַן,
א מגיד מראשית הוא,
ויתּן ער זאָל געבן,
איר זאָלט זיךביידע רייסן בייסן
ווי די הינט,
איר זאָלט ווערן שוואַרץ
ווי טינט,
אל הבגדים—קליידער פון פּאָדים,
פינגערלעך פון בליי,
צרות ביי דערביי,
העמדער מיט שפּיצן,
קראַנקערהייט זאָלסטו פאַרניצן.
און דאָס איז פאַר דיר, כּלה:
א האַק מיט א קולאַק,
מיט א פּעטלע אויפן באַק,
מיט א רימען
אָנצונעמען צו פּיאַניסקע שיך,
א דירה אין אַלטן הקדש,
פּלאַץ אויפן בית-חיים.

כץ אבאָ.

פאַרשיידענע לידער.

1.

אוי א צרה, אוי א גזרה!
איך האָב פאַרלאָרן די רויטע פּאַטשיילע
מיט די גרינע ברעגן,
מיט די רויטע עקן,

בין איך זיי געגאַנגען זוכן,
האָב איך געפונען א קוכן,
האָב איך זיך געזעצט עסן,
האָב איך מיינע צרות פאַרגעסן.

„יידישע שפּראַך" פון ל. עלבע, אַמעריקע.

2.

א ליד פון א גנב.

א ליד וויל איך אייך זינגען,
וואָס אין אַלע גאַסן קלינגען,
א ליד פון זיך אַליין.
איידער א גנב צו זיין
בעסער יונגערהייט אין דרערד אריין,
גוואַלד, ברידער, א גנב איז ניט גוטן

ווען איך בין געוועזן קליין,
ביי מיין טאַטן מאַמען אין דערהיים,
אוי, וואָס האָט מיר דאַן געפעלט.
איך נעם זיך דערמאַנען, ווען איך
בין אין חדר געגאַנגען
און דער רבי האָט מיר געלערנט שוין.
מיין מאַמע איז געגרייט,
זי זעט מיר צו צו יעדער צייט
אין חדר זעט זי מיר ניט מער (2 מאָל)

איך האָב געאַרבעט אין אַ פּראַצאָווניע,
אין אַ קאַלטער לידאָווניע,
איך האָב פאַרדינט כשר מיין ברויט,
מיינע חברים פלעגן מיר בייטן,
אַז איך זאָל די אַרבעט אויסבייטן,
פאַר אַרבעטן זע איך אויס שלעכט.
איינמאָל ביינאַכט האָט מיר זיך אויס-
געדאַכט,
אַז גנבענען מוז איך שוין גיין.
איך האָב זיך געשטעלט אין אַ ווינקל
און איך האָב געוואַרט, אַז ס'זאָל
ווערן טונקל,
איך האָב באַמערקט ווי די קעכן
גייט אַרויס,

טויב ווי די וואַנט
מיט די סאַבלע אין האַנט
בין איך גלייך צו אַ טיר צו,
איך האָב געעפנט אַ טיר,
איך האָב געגנבעט אַן שיר,
איך האָב געמיינט, אַז איך וועל
גליקלאַך זיין.
מיטאַמאָל אַ טומל: „אַי זלאָדזעיאַ
טשימאַי”.
גוואַלד, ברידער, איך האָב שוין ניט
די פריי.

מע קוקט אויף מיינע ווונדן
ווי מע פירט מיר געבונדן,
ווי מע פירט מיר אין קאַמער אַריין.
ס'איז פאַרביי צוויי און דריי יאָר,
גוואַלד, ברידער, פון דאַנען קען איך
ניט אַרויס,
די מאַמע? פון זאָרגן איז די מאַמע
געשטאָרבן,
געשטאָרבן איז זי צוליב מיינע זינד,
דער טאַטע? פון זאָרגן איז דער טאַ-
טע געשטאָרבן,
געשטאָרבן זיינען זיי צוליב מיינע זינד.

ב א מ ע ר ק ו נ ג ע ן:

זייט 29 — די שפּיל „שעפּסעלאַך” איז ניט פאַרענדיקט.
„ 47 — „לאָמיר זיך איבערבעטן”—וואַר. ביי מ. קיפּניס. די לעצטע 2 פערזן
זיינען ביי קיפּניסן ניטאָ.
„ 48 —4 № — וואַר. פון ערשטן פערז ביי ג—מ. 211.
„ 50 —9 № — וואַר. צו דער צווייטער העלפט פון ג—מ. 229.
„ 90 —5 № — ברוך שולמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּ. פּ. ס. ישער
באַיוווקע.
אין יאָר 1905 האָט שולמאַן דערהרגעט דעם וואַרשעווער פּאָלי-
ציימייסטער קאָנסטאַנטינאָוו, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין אַכזריות
זע וואַר. פון דעם ליד ביי ש. לעהמאַן „אַרבעט און פרייהייט”.

זייט 118 דאס ליד פון דער משקה, וואָס איז על-פי-טעות אריינגעפאלן אין אונדזער זאמלונג, איז ניט קיין פאָלקסליד. דער מחבר פון דעם ליד איז דער פאָלקספּאָעט מיכל גאָרדאָן.

126 די ליבעלידער 4, 5, 6, 7, 8 און די פאמיליענליד 3 זיינען גע-נומען געוואָרן פון י. לערנערס ארטיקל „די יידישע מוזע״ אין „הויזפריינד״ II.

צו אלע פריינט פון דער יידישער שפראך און פון דער יידישער פאָלקסשאפונג.

חברים און פריינט!

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט צווישן די יידישע פאָלקסמאסן געשלאָגן דער קוואל פון דער יידישער פאָלקס-שאפונג. א דור נאָך א דור האָט אריינגעטראָגן זיין אייגנס אין דעם גרויסן אוצר פון דער יידישער פאָלקסשאפונג.

בא אלע אומות העולם זיינען די אלע פערלען פון דער פאָלקסשאפונג (פאָלקס-מעשיות, לעגענדעס, לידער, שפּריכווערטער, ווערטער א. א.) שוין לאנג צו-נויפגעזאמלט און ווערן אָפּגעהיט און אויסגעפאָרשט. און נאָר ביי אונדז, באם „גע-שיכטע-פאָלק״, באם „עם-הספר״ איז נאָך אויף דעם דאָזיקן געביט זייער און זייער ווייניק אויפגעטאָן געוואָרן.

אמת, פאר דער לעצטער צייט קענען מיר שוין פארצייכענען אייניקע וויכ-טיקע ארבעטן פון זאמלער; צענויפגעזאמלט איז אָבער געוואָרן נאָר א טייל פון דער רייכער יידישער פאָלקסשאפונג. דער גרעסטער טייל איז נאָך נישט צענויפגעזאמלט. עס ליגט דעריבער א חוב אויף די אלע, וועמען עס איז טייער די אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך, פון דער יידישער ליטעראטור, נעמען זיך תיכּף צו דער דאָ-זיקער וויכטיקער ארבעט—צענויפזאמלען די אלע מאַטעריאלן פון דעם יידישן פאָלקלאָר.

די באדייטונג פון דער פאָלקסשאפונג איז אומגעהייער גרויס.

א באזונדער חוב זיך צו פארנעמען מיט דער דאָזיקער ארבעט ליגט אויף די יידישע פאָלקס-לערער, וואָס געפינען זיך אין די שטעטלעך.

דאָרט אין דער פראָווינץ, וואו עס זענען נאָך פארבליבן פיל שפורן פון דעם אמאָליקן פאטריארכאלישן יידישן לעבן, קען מען אויף דעם אָנגעמערקטן גע-ביט זייער פיל אויפטאָן.

א גרויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די מאַטעריאלן, וואָס זיינען גע-שאפן געוואָרן פאר דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. אלץ מוז פארנאָטירט ווערן.

דער שרייבער פוז דעם דאָזיקן אויפרוף פארנעמט זיך שוין אין משך פון

מארק

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

געזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאָמסקי.

1. יידישע פאָלקסרעטענישן — 3=טע אויפלאגע מיט א ביילאגע פון ש. אנ—סקי׳ס רעצענזיע. . . . . .
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע . . . .
3. ביים קוואַל I באַנד – יידישע שפּריכווערטער, ווערטלאך, רעדנסארטן, פארגלייכענישן, ווינטשענישן, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סימנים, סגולות און זאבאבאָנעס.
4. ביים קוואַל II באַנד—יידישע פאָלקסלידער; 1) וויגלידער 2) קינדערלידער: א) שפּילן; ב) ציילענישן; ג) צונגעמענישן, שפּאַסליאון שפאסלידער; ד) פארשיידענע קינדערלידער; 3) לידער פון חדר און פון דער ישיבה; 4) ליבעלידער; 5) באלאדנארטיקע לידער (אומטרייע און אומגליקלאבע ליבע א. א.); 6) חתן=כלה און חתונה לידער; 7) פאמיליענלידער; 8) פריזיוו און סאָלדאטנלידער; 9) היסטארישע לידער; 10) ארבעטער לידער: 11) יום=טוב לידער; 12) רעליגיעז=נאציאָנאלע און חסידישע לידער; 13) יידישע לידער אין אנדערע שפּראכן; 14) מלחמה לידער; 15) פאראָדיעס און ריולקס=הומאָרעסקעס; 16) סאטירישע; 17) פארשיידענע.

איינגיכן ערשיינט:

1. דער נייער לערער—זאמלונג פון שריפטלעכע איבונגען
2. אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פּראָצענטן, דיסקאָנט, דרייפלל א. א.) . . . . ;
3. מעטאָדישע אָנווייזונגען צו די „לעבעדיקע קלאַנגען" מיט א פּרווו=פּראָגראם פון יידיש פאר דעם I לערניאר .
4. כרעסטאָמאַטיע פאר די עלטערע קלאַסן . . .

עטלעכע יאָר מיטן זאַמלען די מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר. אַ טייל פון די זאַמלונגען איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק: „יידישע פאָלקסרע־טענישן", „באַם קוואַל" — זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער, ווערטער, ברכות, קללות, זאַבאַבאָנעס און אנד.

איצט ערשיינט דער צווייטער באַנד „באַם קוואַל" — יידישע פאָלקסלידער: קינדער־לידער, פאַמיליענלידער, אַרבעטער־לידער א. א. די אַלע, וואָס האָבן בא זיך וועלכע עס איז נישט קיין געדרוקטע מאַטעריאַלן, ווערן געבעטן עס צוצושיקן. די נעמען פון די זאַמלער וועלן פאַרצייכנט ווערן.

די אויסגאַבע „באַם קוואַל" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּעריאָדישער (יערלעכע) אין דער דאָזיקער אויסגאַבע וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן די אַלע פּראָדוקטן פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג.

דער קלענסטער מאַטעריאַל קען אַמאָל האָבן אַ גרויסן ווערט און דעריבער בעטן מיר זיך נישט שטערן מיט דער גרייס פון דער זאַמלונג.

די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן יידישן פאָלקלאָר, וואָס ווילן זיך פאַרנעמען מיטן זאַמלען, ווערן געבעטן זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער רעדאַקציע פון „באַם קוואַל".

חברים און פריינט! לאָמיר זיך אַלע צוזאַמען אָפּגעבן דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט און צענויפזאַמלען דאָס גאָלדענע בוך פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג.

ש. באַסטאָמסקי.

אדרעס פון דער רעדאַקציע „באַם קוואַל":

S. Bastomski, Wilno, Stefanska 24 m. 28.

P. S. איך בעט אַלע יידישע צייטשריפטן אין פאַרשיידענע לענדער איבערדרוקן דעם דאָזיקן אויפרוף.
ש. ב.

אכטונג, שילער און לערער!

אין פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול" איז ערשינען אַ נייע יידישע שפּיל צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי —

אילוסטרירטע לאָטאָ „רעטעניש"

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן: ווילנע, סטעפּ. נאָם 24 וו. 28